# אנווייזונגען פארן אויספילן די ניו יארק סטעיט אפליקאציע פאר:

- פובליק הילף
- טשיילד קעיר אנשטאט פובליק הילף
- סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם
- מעדיקעיד און סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם
- מעדיקעיד און פובליק הילף
- סערוויסעס, ארייגרעכנענדיג פאַסטער קעיר
- טשיילד קעיר הילף
- נאר *עמערזשענסי* הילף

אויב איר זענט בלינד אדער אייער זעהקראפט איז גאר שוואך און איר דארפט אן אפליקאציע אדער די דאזיגע אינסטראקשענס אין אן אנדערע פארמאט, קענט איר עס פארלאנגען פון אייער סאָושעל סערוויס דיסטריקט ("דיסטריקט"). די פאלגענדע אנדערע פארמאטן זענען בנמצא:

- גרויס דרוק
- דאטן פארמאט (א סקרין ליינער -צוטריטלעך עלעקטראנישע פייל)
- אוידיא פארמאט (אן אוידיא טראנסקריפציע פון די אינסרוקציעס אדער די אפליקאציע פראגעס)
- ברעיל, אויב איר באשטעטיגט אז קיין איינע פון די אנדערע אובנדערמאנטע פארמאטן וועלן זיין די זעלבע ווירקזאם פאר אייך

אפליקאציעס און אנווייזונגען זענען אויך דא צו דאַונלאָודען אין גרויסע אותיות, דאטא פארמאט און אין רעקארדירונג (אודיאָ פייל) פון www.otda.ny.gov אדער www.health.ny.gov. ביטע באמערקט אז די אפליקאציעס און אינסטראקשענס זענען צום באקומען אין אודיא פארמאט און אין ברעילי אויסשליסלעך פאר אינפארמאטיווע צוועקן. כדי צו מאכן א פארלאנג, מוזט איר אריינגעבן א געשריבענע אפליקאציע, נישט דורך אן אלטערנאטיווע פארמאט.

אויב איר האט סיי וועלכע דיסאביליטיס וואס פארמיידן אייך פון אויספילן די אפליקאציע און/אדער פוןווארטן צו אינטערוויואירט ווערן, לאזט דאס ביטע וויסן פאר אייער דיסטריקט. די דיסטריקט וועט מאכן יעדע אנשטרענגונג צו צושטעלן א שכל'דיגע אקאמאדאציע צו אדרעסירן אייערע באדערפענישן.

אויב איר דארפט אז מיר זאלן אייך צושטעלן אויף אן אנדערן אופן אדער אויב איר דארפט אנדערע הילף צו אויספילן די אפליקאציע, פארבינדט אייך ביטע מיט אייער דיסטריקט. מיר זענען איבערגעגעבן אייך צו העלפן און שטיצן אויף א פראפעסיאנאלן און בכבוד'יגן אופן.

# עצות פארן אויספילן די אפליקאציע

יעדעס מאל איר זעט "פובליק הילף" אדער "PA" אויפן אפליקאציע, מיינט עס "פאמיליע הילף" און/אדער "סעיפטי נעט הילף". מיר רופן ביידע פראגראמען "פובליק הילף" PA און די אנדערע פראגראמען אויף וואס איר קענט אפליקירן ניצנדיג די אפליקאציע איז באשאפן געווארן צו געבן צייטווייליגע הילף צו די וואס נויטן זיך. געוויסע פראגראמען באגרעניצן ווי לאנג איר קענט באקומען הילף, דערפאר איז וויכטיג פאר אייך צו דערגרייכן זעלבסט-שטענדיגקייט וויבאלד מעגליך. די דיסטריקט איז דא אייך צו העלפן צו אנקומען צו א מצב וואו איר קענט זיך אליין אויסהאלטן. כדי דאס צו טוען, מוזן מיר וויסן ווער איר זענט און וואס איר ברויכט. דערפאר מוזט איר אויספילן אן אפליקאציע.

אלץ א טייל פון דעם אפליקאציע פראצעדור, וועט אייך די דיסטריקט בעטן צו איבערגעבן און פעסטשטעלן אינפארמאציע איבער אייך און אנדערע מענטשן פאר וועמען איר אפלייט. א ליסטע פון געפאדערטע פאפירן, וועלכע מען קען טרעפן צום סוף פון די אנווייזונגען, ווייזט די סארט אינפארמאציע וואס איר וועט דארפן ברענגען און די סארט דאקומענטן וואס קענען באשטעטיגן די אינפארמאציע. צום ביישפיל, כדי צו אויפווייזן ווער איר זענט קענט איר אריינגעבן אידענטיפיקאציע מיט א בילד, א דרייווער'ס לייסענס, א פאספארט פון די פאראייניגטע שטאטן, א נעטשורעלייזעישען סערטיפיקאט, שפיטאל אדער דאקטאר'ס רעקארדס אדער אדאַפשען פאפירן. אין צוגאב, וועט די דיסטריקט דורכפירן אן אינטערוויו מיט אייך אלץ טייל פון דעם אפליקאציע פראצעדור. די דיסטריקט וועט צוזאמענשטעלן די אינטערוויוס פאר מערערע פראגראמען אויף איין מאל ווען מעגליך.

די אפליקאציע און די אינסטרוקציעס זענען נומערירט דורך אפטיילן אייך צו העלפן. ביטע, נעמט די פאלגנדע אין באטראכט ווען איר פילט אויס די אפלאקאציע:

- **ביטע שרייבט קלאר.**
- **שרייבט נישט אריין אין די טונקעלע פלעצער אויף די אפליקאציע.**
- **מאכט זיכער צו אויספילן יעדע טייל וואס איז נוגע פאר די מענטש(ן) פאר וועם איר אפלייט.**
- **נוצט אייביג לעגאלע נעמען, חוץ אויב איר ווערט אנגעוויזן אנדערש.**
- **אויב איר אפלייט אלץ איינעם'ס פארשטייער, שרייבט ביטע אריין די אינפארמאציע פון דעם מענטש וועם איר פארטרעט — נישט אייערס. מאכט זיכער אז סיי איר און סיי דעם מענטש וועם איר פארטרעט שרייבן אונטער די לעצטע בלאט פון די אפליקאציע.**
- **אויב איר זענט נישט זיכער וויאזוי צו ענטפערן סיי וועלכע חלק פון די אפליקאציע, בעט אייער דיסטריקט אייך צו העלפן.**

אין צוגאב צו די LDSS-2921 – "ניו יארק אפליקאציע פאר געוויסע בענעפיטן און סערוויסעס" – מאכט זיכער איר האט קאפיעס פון די פאלגנדע אינפארמאציע ביכלעך, דא צו באקומען ביי די דיסטריקט אדער אויף www.otda.ny.gov:

- **LDSS-4148A: "ביכל 1: וואס איר זאלט וויסן איבער אייערע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן"**
- **LDSS-4148B: "ביכל 2: וואס איר זאלט וויסן איבער סאָושעל סערוויסעס פראגראמען"**
- **ביילאגע (סאָפּלעמענט) צו ביכל 1, LDSS-4148A, און צו ביכל 2, LDSS-4148B: "וויכטיגע ענדערונגען אין דעם מעדיקעיד פראגראם"**
- **LDSS-4148C: "ביכל 3: וואס איר זאלט וויסן אויב איר האט אן עמערדזשענסי"**

# דעקל בלאט פון די אפליקאציע

אויב איר זענט בלינד אדער ערענצט וויזועל פארשעדיקט, קענט איר זיך קלייבן צו באקומען נאטיצן וועגן די פראגראם(ען) פאר וועלכע איר האט זיך אייגעגעבן/פארשריבן אין אן אלטערנאטיווען פארמאט. אנדערע פארמאטן קען מען טרעפן אין גרויסע שריפט, דאטן סידי, אודיא סידית אדער ברעיל, אויב איר באשטעטיגט אז קיינע פון די אלטערנאטיווע פארמאטן וועט ווירקן פאר אייך.

**אויב איר זענט בלינד אדער עס איז אייך גאר שווער צו זעהן, וואלט איר געוואלט באקומען געשריבענע מעלדונגען אין אן אנדערן פארמאט?** אויב איר זענט בלינד אדער עס איז אייך גאר שווער צו זעהן, מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער אויף "ניין" צו אנדייטן אויב איר וואלט געוואלט באקומען געשריבענע מעלדונגען וועגן די פראגראם(ען) פאר וועלכע איר אפלייט אין אן אנדערע פארמאט.

**אויב יא, מאכט א טשעק אויף די סארט פארמאט וואס איר ווילט:** אויב איר זענט בלינד אדער עס איז אייך גאר שווער צו זעהן און איר וואלט געוואלט באקומען מעלדונגען וועגן די פראגראם(ען) פאר וועלכע איר אפלייט אין אן אנדערע פארמאט, מאכט א טשעק (✓) אויף די סארט פארמאט וואס איר ווילט ענדערש: גרויסע אותיות, דאטא CD, אודיאָו CD אדער ברעיל. ברעיל איז דא אלץ אן אנדערע פארמאט אויב איר באשטעטיגט אז קיינע פון די אנדערע פארמאטן וועלן זיין ווירקזאם פאר אייך אזוי ווי ברעיל.

אויב איר דארפט אז מיר זאלן אייך צושטעלן אויף אן אנדערן אופן אדער אויב איר דארפט אנדערע הילף צו אויספילן די אפליקאציע, פארבינדט אייך ביטע מיט אייער דיסטריקט.

# בלאט 1 פון די אפליקאציע

***טייל 1: מאכט א טשעק אויף יעדן פראגראם פאר וועלכער איר אדער סיי וועלכער הויזגעזונד מיטגליד אפלייט***

מאכט א טשעק (✓) אויף די קעסטל פון יעדן פראגראם פאר וועלכער איר אדער אן אנדערער מיטגליד פון אייער הויזגעזונד וויל אפלייען.

מעדיקעיד רעכנט אריין די מעדיקעיד פראגראם, מעדיקעיג "ביי-אין (BUY-IN) פאר ארבעטער מיט דיסעביליטיז, און פאמיליע פלאנען בענעפיט פראגראמען. ווען איר זעט "MA" אויפן אפליקאציע, מיינט עס "מעדיקייד" וואס מ'האט אמאל גערופן "מעדיצינישע הילף". איר קענט אנגעבן פאר MA ניצנדיק די אפליקאציע נאר אויב איר טוט אויך אפליקירן פאר פובליק הילף (PA) אדער די סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (SNAP) אין דער זעלער צייט. אויב איר ווילט אפלייען פאר מעדיקעיד און SNAP, מאכט א טשעק (✓) אויף די "מעדיקעיד (MA) און SNAP" קעסטל. אויב איר ווילט אפלייען פאר מעדיקעיד און PA, מאכט א טשעק (✓) אויף די "מעדיקעיד (MA) און PA" קעסטל.

אויב איר ווילט נאר אפלייען פאר MA, קענט איר גיין אויף די אינטערנעט צו https://nystateofhealth.ny.gov/ און/אדער רופן 1-855-355-5777 פאר מער אינפארמאציע אדער צו אפלייען, אדער קענט איר נוצן די פאפירענע אפליקאציע וואס איז נאר פאר MA – בויגן DOH-4220 – וואס אייער וואָרקער קען אייך גיבן, אדער קענט איר רופן די MA הילף ליניע אויף 1-800-541-2831. אויב איר ווילט אפליקירן פארן מעדיקער אפשפאָר פראגראם (MSP), מוזט איר אפליקירן מיט פאָרם DOH-4328, וואס אייער ארבעטער קען אייך צושטעלן. אויב איר האט א דרינגנדע נויט פאר פערזענליכע באדינונג סערוויסעס, זאלט איר אפלייען פאר MA מעדיקעיד באזונדער נוצנדיג די MA DOH-4220 אפליקאציע פארעם.

אויב איר זענט בארעכטיגט פאר פובליק הילף, אבער איר באשלוסט אז איר דארפט נאר טשיילד קעיר הילף, דאן מאכט א טשעק (✓) אויף די "טשיילד קעיר הילף אנשטאט PA" קעסטל. אויב איר טוישט אייער מיינונג און באשליסט אז איר דארפט פובליק הילף, קענט איר אפליקירן פאר דער פראגראם צו יעדער צייט.

אויב איר מאכט א טשעק (✓) אויף די "נאר פאר עמערדזשענסי הילף (EMRG)" קעסטל, דייט איר אן דערמיט אז איר אפלייט נאר פאר אן איינמאליגע עמערדזשענסי באצאלונג און א באשטימונג וועט נישט געמאכט ווערן אויב איר זענט בארעכטיגט פאר סיי וועלכע אנדערע פראגראמען.

***טייל 2***

**וואס איז אייער הויפט שפראך?** מאכט א טשעק (✓) אויף די "ענגליש", "ספּאַניש" אדער "אנדערע" קעסטל צו אנדייטן די שפראך וואס איר נוצט די אפטסטע. אויב איר מאכט א טשעק (✓) אויף די "אנדערע" קעסטל, שרייבט צו די שפראך וואס איר ווילט ליבערשט נוצן.

**ווילט איר באקומען מעדלונגען אין:** איר וועט באקומען מעלדונגען וועגן די פראגראמען וואס איר אפליקירט/שרייבט זיך איין. מאכט א טשעק (✓) אויף די "נאר ענגליש" אדער "ענגליש און ספאניש" קעסטל צו אנדייטן די שפראך(ן) אין וועלכע איר ווילט באקומען די מעלדונגען.

### *טייל 3: אפליקאנט אינפארמאציע*

**נאמען:** דרוקט אייער נאמען, אריינגערעכנט אייער ערשטע נאמען, ציטעלע אינישל, און לעצטע נאמען.

**הייראט סטאטוס:** שרייבט טאמער איר זענט יעצט סינגל, פארהייראט, אן אלמן אדער אלמנה, לעגאל צושיידט, אדער גע'געט. אויב איר זענט פריער געווען חתונה געהא, שרייבט דעם פאסיגן סטאטוס, שרייבט נישט "סינגל".

**טעלעפאן נומער:** שרייבט אריין אייער טעלעפאן נומער, אויב איר האט איין.

**סעלפאָון נומער?:** דייט אן אויב די נומער איז א סעלפאָון נומער דורכן מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין".

**וואוין אדרעס:** **גאס אדרעס** שרייבט די הויז אדער געביידע נומער, גאס, אוועניו, ראוד, א.א.וו.וואו איר וואוינט.
**אפארטמענט נומער:** שרייבט די נומער פון אייער אפארטמענט, אויב שייך.
**שטאט:** שרייבט די נאמען פון די שטאט/שטעטל וואו איר וואוינט (צום ביישפיל, ברוקלין)
**קאונטי:** שרייבט די נאמען פון די קאונטי וואו איר וואוינט.
**סטעיט:** שרייבט די נאמען פון די קאונטי וואו איר וואוינט.
**זיפ קאוד:** שרייבט די זיפ קאוד פאר אייער אדרעס.

**אויפן אדרעס פון נאמען:** אויב איינער אנדערש באקומט אייע פאסט פאר אייך, שרייבט דעם מענטש'ס נאמען.

**פאסט אדרעס:** אויב אור באקומט אייער פאסט ערגעץ אנדערש פון וואו איר וואוינט, דרוקט דעם אדרעס פונעם גאס (און אפארטמענט נומער, אויב שייך) אדער פאסט אפיס קעסטל, סיטי, קאונטי, שטאט, און זיפ קאוד פון דעם פלאץ.

**ווי לאנג וואוינט איר שוין ביי אייער יעצטיגע אדרעס?:** שרייבט וויפיל יאר און/ אדער חדשים וואס איר האט געוואינט ביים איצטיגן אדרעס.

**איז דאס א שעלטער?:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב די פלאץ וואו איר וואוינט איז א שעלטער.

**נאך א טעלעפאן נומער וואו מען קען אנקומען צו אייך:** שרייבט אן אנדערע טעלעפאן נומער וואו מען קען אנקומען צו אייך, אויב איר האט איינס.

**אימעיל אדרעס (אויב איר ווילט):** שרייבט אריין אייער אימעיל אדרעס צו גיבן די דיסטריקט ערלויבעניש זיך צו פארבינדן מיט אייך דורך אימעיל. **איבערגעבן אן אימעיל אדרעס איז נישט געפאדערט כדי צו קענען אפלייען.**

**אנווייזונגען וויאזוי צו אנקומען צו יעצטיגע אדרעס:** דרוקט אנווייזונגען וויאזוי צו טרעפן אייער הויז. נוצט באקאנטע לאנדמארקן.

**געוועזענע אדרעס:** שרייבט די אדרעס וואו איר האט געוואוינט פאר איר האט געמופט צו אייער יעצטיגע אדרעס.

**אויב איר זענט יעצט היימלאז, מאכט א טשעק דא:** אויב איר האט נישט וואו צו וואוינען/האט נישט קיין אדרעס, מאכט א טשעק (✓) אין די קעסטל.

**אגענטור וואס העלפט דעם אפליקאנט/קאנטאקט מענטש:** אויב איינער העלפט אייך אפליקירן, פארשרייבט דעם נאמען פון יענע פערזאן, זייער ביורא, סיי וועלבע, און די פערזאנס נומער טעלעפאן.

**צו דארפט איר אז די מעדיקעיד חלק פון די אפליקאציע און דאס אז איר וועט מעגליך באקומען מעדיקעיד דעקונג אין די צוקונפט זאל געהאלטן ווערן אין געהיים (קאנפידענטשיעל)?** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויף די אפליקאציע און/אדער זאגט פאר אייער וואָרקער אויב איר דארפט אז אייער אפליקאציע און/אדער בריוו אויסטוישן אין פארבינדונג מיט דאס באקומען מעדיקעיד דעקונג זאל געהאלטן ווערן אין געהיים.

### *טייל 4: אויב איר אפלייט פאר SNAP*

לייענט די דעקלאראציע אין אפטייל 4 פון דער אפליקאציע, און שרייבט אונטער און דאטירט אונטער דער מעלדונג אויב עס איז אייך נוגע אדער פאר וועמען איר אפליקירט. ביטע פארבינדט זיך מיט די דיסטריקט אויב איר האט פראגן איבער די טייל.

### *טייל 5: איז איינס פון די פאלגנדע זאכן נוגע צו אייך?*

מאכט א טשעק (✓) אויף יעדע מצב וואס איז נוגע צו אייך אדער צו איינעם פאר וועם איר אפלייט

# בלאט 2 פון די אפליקאציע

***טייל 6: הויזגעזונד אינפארמאציע***

**נאמען:** שרייבט די ערשטע נאמען, מיטעלע ראשי תיבות און לעצטע נאמען פון יעדער וואס וואוינט מיט אייך, *אפילו אויב זיי אפלייען נישט*. שרייבט אייער אייגענע נאמען ערשט.

**דער מענטש אפלייט פאר:** מאכט א טשעק (✓) אויף די סארט(ן) הילף פאר וועלכע יעדער מענטש אפלייט: PA פאר פובליק הילף, SNAP פאר סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם, MA פאר מעדיקעיד, CC פאר קינד קעיר הילף, FC פאר פאסטער קעיר, S פאר סערוויסעס (אזוי ווי קינד און ערוואקסן פארהיט/באשיץ סערוויסעס), אדער EMRG פאר בלויזע עמערזשענסי הילף.

**געבורט דאטום:** שרייבט אריין די דאטום ווען יעדער מענטש *וואס אפלייט* איז געבוירן געווארן.

**סעקס און דזשענדער איידענטיטי:** ניו יארק סטעיט פארזיכערט אייער רעכט צו באקומען סטעיט בענעפיטן און/אדער סערוויסעס אפגעזעהן פון סעקס, דזשענדער אידענטיטעט אדער אויסדרוק. איר מוזט באריכטן אייער סעקס (זכר אדער נקבה) און די סעקס פון אלע הויזגעזונד מיטגלידער אלץ מאן, פרוי אדער "X". צייכנט ביטע אן "M" פאר מאן, "F" פאר פרוי אדער "X" פאר נישט-ביינערי אדער אן אנדערע אידענטיטעט. די סעקס וואס איר באריכט פעלט אויס כדי צו פראסעסן אייער אפליקאציע. עס וועט נישט ערשיינען אויף קיין איין בענעפיט קארטל וואס איר באקומט אדער סיי וועלכע פאפירן וואס קען געזעהן ווערן ברבים.

דזשענדער אידענטיפיקאציע איז וויאזוי איר זעהט זיך, און וואס איר רופט זיך. אייער דזשענדער אידענטיטעט קען זיין די זעלבע אדער אנדערש ווי די סעקס וואס איז באשטימט געווארן ביים געבורט. דזשענדער אידענטיפיקאציע איז נישא פארלאנגעט פאר די אפליקאציע. אויב אייער דזשענדער אידענטיטעט, אדער די דזשענדער אידענטיטעט פון איינעם אין אייער הויזגעזונד, איז אנדערש פון די סעקס וואס איר באריכטעט פאר דעם מענטש און איר ווילט צולייגן די דזשענדער אידענטיטעט, דאן שרייבט "מאן", "פרוי", "נישט-ביינערי", "X", "טראנסדזשענדער" אדער "אנדערע אידענטיטעט" אין די פלאץ וואס איז געווידמעט דערפאר. אאויב איר שרייבט "אנדערע איידענטיטי", מעגט איר באשליסן צו באשרייבן יענע מענטש'ס דזשענדער איידענטיטי ווייטער אין דעם קעסטל. ארויסגעבן די אינפארמאציע איז פרייוויליג / נישט פארלאנגט. עס וועט נישט האבן א השפעה אויף אויב דער מענטש(ן) וואס אפלייט וועט זיין בארעכטיגט אדער אויף די מאס הילף וואס זיי וועלן באקומען.

**קשר צו אייך:** פאר יעדע מענטש, ערקלערט זייער קשר צו אייך (צום ביישפיל: מאן/ווייב, זוהן, פאסטער/שטיף קינד, פריינט, רוממעיט, באורדער, א.א.וו.)

**סאָושעל סעקיוריטי נומער פאר הויזגעזונד מיטגלידער וואס אפלייען:** שרייבט אריין די סאָושעל סעקיוריטי נומער פון יעדער מענטש וואס אפלייט *חוץ אויב דער מענטש איז:*

- א שוואנגערדיגע פרוי וואס אפליקירט בלויז פאר מעדיקעיד;
- נישט קיין בירגער וואס אפליקירט נאר פאר מעדיקעיד אדער בענעפיטן אלץ א רעזולטאט פון אן עמערזשענסי מעדיציניש פראבלעם;
- אן ערוואקסענע וואס אפליקירט בלויז פאר ערוואקסענע באשיץ סערוויסעס; אדער
- אפליקירט נאר פאר קינד קעיר הילף. אויב דער מענטש אפלייט פאר טשיילד קעיר הילף <u>און</u> פאר פארמיידנדע סערוויסעס *אדער אנשטאט* פובליק הילף, דאן שרייבט אריין דעם מענטשן'ס סאָושעל סעקיוריטי נומער.

אנדערע סערוויסעס, אזוי ווי פאסטער קעיר, קינד פארהיט סערוויסעס, קינד באשיץ סערוויסעס, און קאנסולטאציעס, ווערן פינאצירט דורך פארשידענע מקורות, אסאך וואס פארלאנגען צושטעלן א סאשעל סעקיוריטי נומער. בשעת אפליקירערס פאר א טייל סערוויסעס ווערן נישט געפאדערט צושטעלן א סאשעל סעקיוריטי נומער, די סערוויסעס קענען מעגליך נישט זיין צו באקומען אויב איר שטעלט נישט צו קיין סאשעל סעקיוריטי נומער. דעריבער, בעטן מיר א סאשעל סעקיוריטי נומער פון אלע אפליקירערס פאר די סערוויסעס, כדי זיי העלפן באקומען אלע בענעפיטן פאר וועלכע זיי קענען קוואליפיצירן.

**העכסטע קלאס אין שולע פארענדיגט:** שרייבט אריין די העכסטע קלאס אין שולע (1 ביז 12) וואס יעדער מענטש *וואס אפלייט* האט פארענדיגט. אויב מער ווי 12 יאר, שרייבט 13. אויב נישט קיין פארמעלע שולע, שרייבט 0. אויב איר אפליקירט נאר פאר סערוויסעס, דארפט איר נישט ענטפערן די פראגע.

**צו קויפט דער מענטש (אריינרעכענענדיג קליינע קינדער) עסן אדער גרייטן זיי צו מאלצייטן צוזאמען מיט אייך?**: עס איז וויכטיג צו מאכן א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" אויף די פראגע פאר יעדער מענטש וואס *וואוינט מיט אייך*, נישט קיין חילוק אויב זיי אפלייען אדער נישט. אמאל קענען מענטשן וואס קויפן עסן און גרייטן צו מאלצייטן באקומען מער SNAP בענעפיטן.

**ביטע רעכנט אויס נאמען פאר די חתונה אדער אנדערע נעמען וואס מען פלעגט רופן אייך אדער איינער אין אייער הויזגעזונד:** שרייבט אלע מעידן נעמען (לעצטע נאמען פון פארן חתונה), נעמען פון א פריעורדיגן הייראט, אדער אנדערע נעמען גענוצט דורך סיי וועמען אין דעם אפטיילונג. רעכנט אריין ערשטע נאמען, מיטלע אינישל (ערשטע אות פון צווייטע נאמען), און לעצטע נאמען.

# בלאט 3 פון די אפליקאציע

### *טייל 7: ראסע/אפשטאם*

ארויסגעבן די אינפארמאציע איז פרייוויליג / נישט פארלאנגט. עס וועט נישט האבן א השפעה אויף די בארעכטיגונג פון די מענטש וואס געבט זיך איין אדער די צאל הילף וואס מען באקומט. די סיבה פארוואס מיר בעטן די אינפארמאציע איז צו פארזיכערן אז בענעפיטן ווערן פארטיילט אפגעזונדערט פון ראסע, קאליר אדער נאציאנאלע אפשטאם. אויב פילט איר אויס די טייל, שרייבט אריין "Y" פאר "יא" פאר יעדער מענטש וואס אפלייט אין די רובריק מיט די אות "H" צו אנדייטן אויב דער מענטש איז היספאניש און/אדער לאטינאָ. שרייבט "Y" פאר "יא" אין די באטרעפנדע ראסע רובריק(ן) צו אנדייטן די ראסישע אפשטאם פון יעדן מענטש:

- H = היספאניק אדער לאטינא
- I = אינדיאניש אדער אלאסקא געבוירענער
- A = אזיאנער
- B= שווארץ אדער אפריקאנער אמעריקאנער
- P= האוואי געבוירענער אדער פאסיפיש אינדזל איינוואוינער
- W = ווייס
- U = אומבאקאנט

# בלאט 4 פון די אפליקאציע

### *טייל 8: בירגערשאפט/נישט-בירגער מיט צופרידנשטעלנדע אימיגראציע סטאטוס*

פילט אויס דעם אפטייל פאר יעדער פערזאן וואס אפליקירט פאר איינע פון די וויטערדיגע פראגראמען:

- קינד קעיר הילף;
- פאסטער קעיר; אדער
- אנדערע סערוויסעס.

אין צוגאב, אויב איר אדער איינער אין אייער הויזגעזונד אפלייט פאר די סאַפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (SNAP), מוזט איר אויסרעכענען *יעדער איינער* אין די הויזגעזונד, אפילו אויב זיי אפלייען נישט פאר SNAP. איר מוזט אויך אויסרעכענען געשוויסטער און עלטערן וואס וואוינען מיט קינדער וואס אפליקירן פאר פובליק הילף (PA). אויב איר אפליקירט פאר קינד קעיר הילף אדער בלויז פאסטער קעיר, פילט אויס דעם אפטייל נאר פאר די קינדער וואס דארפן קינדער הילף אדער פאסטער קעיר. אויב איר פילט נישט אויס דעם אפטייל פאר א פערזאן וואס אפליקירט, וועט מעגליך דער פערזאן נישט באקומען הילף.

**נאמען:** שרייבט דעם ערשטן נאמען, מיטלסטן איניציאל (MI), און לעצטן נאמען פון יעדער פערזאן וואס אפליקירט אדער וואס דארפן גערעכענט ווערן.

**מאכט א טשעק אדער אויף "בירגער/נאציאנאל" אדער אויף "נישט-בירגער" פאר יעדער מענטש:** נעבן יעדע מענטשן'ס נאמען, מאכט א טשעק (✓) *אדער* אויף די "בירגער/נאציאנאל" קעסטל צו אנדייטן אז דער מענטש איז א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן, נעיטיוו אמעריקאנער אדער נאציאנאל (נעשענעל), *אדער* אויף די "נישט-בירגער" קעסטל צו אנדייטן אז דער מענטש איז *נישט* א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן, נעיטיוו אמעריקאנער אדער נאציאנאל.

**USCIS נומער (עיליען רעגיסטראציע נומער) אדער נישט-בירגער נומער:** לייגט אריין דער מענטש'ס בירגערשאפט און אימיגראציע סערוויסעס (USCIS) נומער אדער נישט-סיטיזען נומער, אויב שייך.

### *טייל 9: באשטעטיגונג*

לייענט פארזיכטיגערהייט די דעקלעראציעס אונטן פון די טייל און דערנאך שרייבט אונטער און שרייבט צו די דאטום אויף די באשטעטיגונג זאגנדיג עדות איבער די בירגערשאפט אדער איבער די צופרידנשטעלנדע אימיגראציע סטאטוס פון נישט-בירגער פאר יעדער מענטש *וואס אפלייט* פאר איינע פון די פאלגנדע פראגראמען. (אויב איר אפליקירט פאר קינדער קעיר הילף און פאסטער קעיר אליין, פילט אויס דעם אפטייל נאר פאר די קינדער וואס דארפן קינדער הילף אדער פאסטער קעיר.) אויב איינער וואס אפלייט איז נישט קיין בירגער פון די

פאראייניגטע שטאטן, א נעיטיוו אמעריקאנער אדער א נאציאנאל, דאן מאכט א טשעק (✓) אויף די פראגראמען פאר וועלכע דער מענטש אפּלייט און פאר וועלכע זייער אימיגראציע סטאטוס אלץ נישט-בירגער איז צופרידנשטעלנד:

- פובליק הילף (PA);
- סאַפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (SNAP);
- מעדיקעיד (MA);
- קינדער קעיר הילף (CC);
- פאסטער קעיר (FC);
- אנדערע סערוויסעס (S); און/אדער
- עמערזשענסי הילף (EMRG).

"צופרידנשטעלנדע נישט-בירגער סטאטוס" מיינט אז דעם מענטשן'ס סטאטוס אדער שטאנד נישט זייענדיג א בירגער מאכט נישט אז זיי זאלן זיין אומבארעכטיגט פאר בענעפיטן פון דעם באטרעפנדן פראגראם. ביטע באמערקט אז אנדערע פראגראמען האבן אנדערע נישט-בירגער (נאן-סיטוזען) פאדערונגען. LDSS-4148B, "בוך 2: וואס איר זאלט וויסן איבער סאָושעל סערוויסעס פראגראמען" און די ביילאגע פאר LDSS-4148B, "וואס איר זאלט וויסן איבער סאָושעל סערוויסעס פראגראמען (LDSS-4148B.1)" אנטהאלטן נאך אינפארמאציע איבער וועלכע סטאטוסן אלץ א נישט-בירגער זענען צופרידנשטעלנד. איר קענט זיך אויך פארבינדן מיט אייער דיסטריקט פאר מער אינפארמאציע.

סיי וועלכע הויזגעזינד מיטגליד אדער אויטאריזירטע רעפרעזענטאטיוו קען אונטערשרייבן די סערטיפיקאציע פאר אלע אפליקירטע הויזגעזינד מיטגלידער. צום ביישפיל, עלטערן *אן* בירגערשאפט אדער צופרידנשטעלנדע נישט-בירגער סטאטוס קענען אונטערשרייבן די באשטעטיגונג פאר א קינד *וואס האט יא* בירגערשאפט אדער צופרידנשטעלנדע נישט-בירגער סטאטוס. אויב א הויזגעזונד מיטגליד וואס אפּלייט איז אונטער 18 יאר (אדער איז 18 אדער עלטער אבער קען נישט אונטערשרייבן זייער אייגענע נאמען צוליב א מעדיצינישע צושטאנד אדער דיסאביליטי), דאן *מוז* א הויזגעזונד מיטגליד וואס איז 18 יאר אדער עלטער אונטערשרייבן פאר זיי. ווען איר שרייבט אונטער פאר אן אנדערע הויזגעזונד מיטגליד , שרייבט אונטער אייער אייגן נאמען. צום ביישפיל, מערי דאו, ווען זי שרייבט אונטער פאר א בעבי דזשאוני דאו, זאל אונטערשרייבן "מערי דאו".

**מאכן א טשעק אויף א קעסטל און אונטערשרייבן די באשטעטיגונג מיינט אז איר באשטעטיגט, אונטער די שטראף פון שווערן פאלש, אז איר און/אדער דער מענטש(ן) פאר וועם איר שרייבט אונטער, איז/זענען א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן, נעיטיוו אמעריקאנער, נאציאנאל(ן) אדער נישט-בירגער מיט צופרידנשטעלנדע אימיגראציע סטאטוס, פאר יעדער פראגראם פאר וועלכע איר/זיי אפּלייען. אויב איר מאכט נישט קיין טשעק אויף איינע פון די קעסטלעך אדער אויב איר גיבט נישט איבער א פאראייניגטע שטאטן בירגערשאפט און אימיגראציע סערוויסעס (USCIS) נומער פאר א נישט-בירגער וואס אפּלייט, וועט יענער מענטש מעגליך נישט באקומען קיין הילף.**

**איר זאלט נישט אונטערשרייבן די באשטעטיגונג פאר זיך אליין אדער פאר סיי וועלכער אנדערער מענטש וואס איז נישט א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן, נעיטיוו אמעריקאנער אדער נאציאנאל, אדער וואס האט נישט א צופרידנשטעלנדע אימיגראציע סטאטוס אלץ נישט-בירגער. נישט-בירגער וואס האבן נישט קיין צופרידנשטעלנדע אימיגראציע סטאטוס זענען נישט בארעכטיגט פאר SNAP ,PA בענעפיטן אדער פאר מעדיקעיד (חוץ פון מעדיקעיד פאר באהאנדלונג פון אן עמערדזשענסי מעדיצינישע צושטאנד). אזעלכע מענטשן קענען אויך זיין אומבארעכטיגט פאר געוויסע סערוויסעס.**

**מיר וועלן מעגליך גיין פעסטשטעלן די נישט-בירגער סטאטוס פון סיי וועלכער אדער אלע הויזגעזונד מיטגלידער וואס אפּלייען פאר SNAP ,PA בענעפיטן, מעדיקעיד אדער סערוויסעס דורך אריינגעבן די אינפארמאציע וואס איר גיבט אונז צו די USCIS. די אינפארמאציע וואס מיר ערהאלטן פון די USCIS קען האבן א השפעה אויף די בארעכטיגונג פון אייער הויזגעזונדאון אויף וויפיל בענעפיטן איר באקומט.**

# בלאט 5 פון די אפליקאציע

### *טייל 10: איפארמאציע איבערן אריבערגעשיקט ווערן צו די טשיילד סופּארט אינפארסירונג איינהייט*

איר דארפט נישט אויספילן די טייל אויב איר אפּלייט נאר פאר מעדיקעיד און איר זענט טראגעדיג, האט פארגאנגענע די אין קינד א געהאט הילף קעיר טשיילד פאר נאר אפּלייט איר אויב אדער אלט יאר 21 אונטער קינדער פאר נאר אפּלייט איר אויב אדער ,טעג 60.

1. מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אפּלייט פאר סיי וועלכער מענטש, *אריינרעכענענדיג זיך אליין,* וואס איז אונטער 21 יאר אלט, געבוירן געווארן צו נישט-פארהייראטע עלטערן און/אדער פאר איינעם פאר וועם עס איז נישט אוועקגעשטעלט געווארן לעגאלע עלטערן.

2. מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אפלייט פאר סיי וועלכער מענטש, *ארייגרעכענענדיג זיך אליין,* וואס איז אונטער 21 יאר אלט און באטש איינע פון דעם מענטשן'ס עלטערן וואוינען אינדרויסן פון די הויז.

אויב איר האט געמאכט א טשעק (✓) אויף "ניין" אויף ביידע פון די פראגן, דאן גייט אריבער צו טייל 11. איר דארפט נישט ענדיגן אפטייל 10. אויב איר האט געמאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אויף איינע אדער ביידע פון די פראגן דאן מוזט איר אויספילן די רעשט פון טייל 10.

3. מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר זענט אונטער 21 יאר אלט.

**נאמען פון מענטשן אונטער 21 יאר אלט:** שרייבט די ערשטע, מיטעלע און לעצטע נאמען פון יעדער מענטש פאר וועם איר האט געמאכט א טשעק אויף "יא" אין פראגן 1, 2, און/אדער 3.

**נאמען און אדרעס, געבורט דאטום און סאָושעל סעקיוריטי נומער פון עלטערן וואס פעלן, אנגעבליכע עלטערן אדער פלאנירטע עלטערן:** אויב באקאנט, שרייבט די ערשטע, מיטעלע און לעצטע נאמען, אדרעס, געבורט דאטום און סאָושעל סעקיוריטי נומער פון די עלטערן וואס פעלן, די אנגעבליכע עלטערן אדער די פלאנירטע עלטערן פון יעדן מענטש פאר וועם איר האט געמאכט א טשעק **(✓)** אויף "יא" אויף פראגן 1, 2, און/אדער 3. די "עלטערן וואס פעלן" רעכנט אריין די גענעטישע/בלוט עלטערן, לעגאלע עלטערן, שטיף-עלטערן אדער אדאפטירנדע עלטערן פון סיי וועלכער קינד, ווען די עלטערן זענען באריכטעט געווארן נישט זיך צו געפונען – אדער צו פעלן פון – דאס קינד'ס הויזגעזונד. אין באציאונג צו א קינד וואס איז אין פאַסטער קעיר, רעכנט "עלטערן וואס פעלן" אויך אריין גענעטישע/בלוט עלטערן, לעגאלע עלטערן, שטיף-עלטערן אדער אדאפטירנדע עלטערן פון סיי וועלכער קינד וואס די עלטערן זענען געווען אנוועזנד אין דאס קינד'ס הויזגעזונד אין די צייט ווען דאס קינד איז אריין אין פאַסטער קעיר. די "אנגעבליכע עלטערן" מיינט א מענטש וואס איז מעגליך דאס קינד'ס גענעטישע/בלוט עלטערן, אבער איז נאכנישט לעגאל דעקלערט געווארן צו זיין די עלטערן. די "פלאנירטע עלטערן" זענען די מענטשן וועלכע פלאנירן צו ווערן לעגאל פארפליכטעט אלץ די עלטערן פון א קינד נאך וואס די געבורט איז צוגעהאלפן געווארן דורך מעדיצינישע פראצעדורן. די פלאנירטע עלטערן קענען זיין פארהייראטעט צו די געבורט עלטערן.

# בלאט 6 פון די אפליקאציע

### *טייל 11: טעקס פיילינג/דיפענדענט סטאטוס*

שרייבט די פאלגנדע אינפארמאציע פאר יעדע מענטש וואס וואוינט אין די הויזגעזונד:

**ערשטע נאמען, מיטעלע ראשי תיבות און לעצטע נאמען:** שרייבט די ערשטע נאמען, ראשי תיבות פון די מיטעלע נאמען, און לעצטע נאמען פון יעדע מענטש וואס וואוינט אין אייער הויזגעזונד.

**טעקס סטאטוס:** מאכט א טשעק (✓) אויף די ריכטיגע טעקס פיילינג סטאטוס פאר יעדער מענטש וואס וואוינט אין די הויזגעזונד.

ביטע רעכנט אויס טעקס דיפענדענטס וואס וואוינען נישט מיט אייך און ווערן אריינגעלייגט אלץ דיפענדענט דורך אייך אדער איינער אין אייער הויזגעזונד. אויב איר פיילט נישט קיין טעקסעס, קענט איר אויסלאזן די פראגן.

**נאמען פון טעקס דיפענדענט:** שרייבט די ערשטע נאמען, מיטעלע ראשי תיבות, און לעצטע נאמען פון סיי וועלכע מענטש וואס וואוינט נישט מיט אייך, אבער וואס איר אדער סיי ווער וואס וואוינט מיט אייך לייגט אריין אלץ טעקס אינדעפענדענט.

**נאמען פון דער וואס פיילט טעקסעס:** פאר יעדע טעקס דיפענדענט וואס איז אויסגערעכנט, שרייבט די ערשטע נאמען, ראשי תיבות פון די מיטעלע נאמען, און לעצטע נאמען פון דער מענטש וואס וואוינט אין די הויזגעזונד וואס לייגט אריין די דיפענדענט.

### *טייל 12: פעלנדע/געשטארבענע מאן/ווייב אינפארמאציע*

**נאמען פון מענטש וואס אפלייט:** שרייבט דעם נאמען פון סיי וועלכע פארהייראטע/געוועזענע פארהייראטע, אבער דער זיווג וואוינט שוין נישט מיט זיי אדער איז געשטארבן.

**נאמען פון מאן/ווייב:** שרייבט דעם נאמען פונעם זיווג פון סיי וועלכע פארהייראטע/געוועזענע פארהייראטע פערזאן וואס אפליקירט און דער זיווג איז שוין ניט מיט זיי אדער איז געשטארבן.

**געבורט דאטום פון מאן/ווייב און טויט דאטום פון מאן/ווייב, אויב נוגע:** שרייבט דעם חודש, טאג און יאר פון געבורטס, און טויט (אויב שייך), פון דעם בן/בת זוג פון סיי וועלכע פארהייראטע/געוועזענע פארהייראטע פערזאן וואס אפליקירט וועמענס בן/בת זוג וואוינט שוין נישט מיט זיי אדער איז געשטארבן.

**סאָושעל סעקיוריטי נומער פון מאן/ווייב:** שרייבט דעם סאשעל סעקיוריטי נומער פון סיי וועלכע פארהייראטע/געוועזענע פארהייראטע

פערזאן וואס אפליקירט וועמענס בן/בת זוג וואוינט שוין נישט מיט זיי אדער איז געשטארבן.

**אדרעס פון מאן/ווייב, אויב נוגע:** שרייבט דעם אדרעס פון גאס, שטאט, קאונטי, סטעיט, און זיפקאד סיי וועלבע פארהייראטע/געוועזענע פארהייראטע פערזאן וואס אפליקירט וועמענס בן/בת זוג וואוינט שוין נישט מיט זיי אדער איז געשטארבן. אויב עס איז אומבאקאנט, שרייבט די מאן/ווייב'ס לעצטע באקאנטע אדרעס.

### *טייל 13: פעלנדע קינד אינפארמאציע*

**נאמען פון מענטש וואס אפלייט:** שרייבט דעם נאמען פון סיי וועלכער פערזאן וואס אפלקירט וואס האט א קינד אונטער 21 יאר אלט וואס וואוינט נישט מיט זיי.

**נאמען און געבורט דאטום פון פעלנדע קינד:** שרייבט דעם נאמען און חודש, טאג און יאר פון געבורטס פאר סיי וועלכע קינד אונטער 21 יאר אלט וואס וואוינט נישט מיט דער פערזאן וואס אפליקירט.

**אדרעס פון קינד:** שרייבט דעם אדרעס פון גאס, שטאט, קאונטי, סטעיט, און זיפקאד פון סיי וועלכע לעבעדיגע קינד וואס איז אונטער 21 יאר אלט וואס וואוינט נישט מיט דער פערזאן וואס אפליקירט.

**לעגאלע עלטערן אוועקגעשטעלט?:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב די לעגאלע עלטערן זענען אוועקגעשטעלט געווארן פאר סיי וועלכער קינד אונטער 21 יאר אלט וואס וואוינט נישט מיט דעם מענטש וואס אפלייט.

**באצאלט איר טשיילד סופארט?:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב סיי וועלכער מענטש וואס אפלייט באצאלט טשיילד סופארט (קינדער געלט) פאר א קינד אונטער 21 יאר וואס וואוינט נישט מיט זיי.

### *טייל 14: צענערלינג עלטערן אינפארמאציע*

פילט אויס דעם אפטייל נאר אויב איר אפלייקירט פאר פובליק הילף.

**צו איז דא איינער אונטער 18 יאר וואס איז עלטערן צו א קינד ("צענערלינג עלטערן") אין די הויזגעזונד?:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב סיי וועלכער מענטש וואס אפלייט איז עלטערן צו א קינד און איז אונטער 18 יאר אלט.

**נאמען:** שרייבט דעם נאמען פון יעדער פערזאן וואס אפליקירט וואס איז אונטער 18 יאר אלט.

**צו וואוינט די קינד פון די צענערלינג עלטערן אין די הויזגעזונד?:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב די קינד פון סיי וועלכער מענטש אונטער 18 יאר אלט וואס אפלייט וואוינט מיט אייך.

**נאמען פון קינד פון צענערלינג עלטערן:** שרייבט דעם נאמען פונעם קינד פון יענע פערזאן אונטער 18 יאר אלט וואס אפליקירט.

# בלעטער 7 און 8 פון די אפליקאציע

### *טייל 15: איינקונפט אינפארמאציע*

**דייט אן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך באקומט געלט פון- און ווער:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" פאר שורות 1 ביז 27 צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך באקומט געלט פון סיי וועלכע פון די אויסגערעכנטע סארטן איינקונפט, און פאר יעדע "יא" ענטפער, שרייבט די נאמען/נעמען פון די מענטש(ן) וואס באקומט/באקומען די געלט.

**סכום/ווערט און אפטקייט:** פאר יעדע "יא" ענטפער, שרייבט די סכום אדער ווערט און דאלאר ($) און ווי אפט די סארט איינקונפט ווערט פארדינט דורך יעדע מענטש וואס באקומט עס. צום ביישפיל, אויב איר באקומט $100 פאר ארבעטסלאזיגקייט (אַנעמפּלאָימענט) אינשורענס בענעפיטס יעדע וואך, שרייבט "$100 per week" ($100 פער וואך) אדער "$100/wk." ($100\וואך).

**סאפּלעמענטעל סעקיוריטי אינקאָם (SSI) בענעפיטן (סטעיט און פעדעראל סך הכל):** אויב איר אדער סיי ווער וואס וואוינט מיט אייך באקומט ניו יארק סטעיט סאָפּלעמענט פראגראם (SSP) בענעפיטס אין צוגאב צו סאָפּלעמענטעל סעקיוריטי אינקאָם (SSI) בענעפיטס, מאכט א סך הכל פון ביידע סומעס צוזאמען און שרייבט עס אריין אין די סכום/ווערט און אפטקייט רובריק פאר SSI בענעפיטס אויף שורה 2. אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך באקומט נאר SSP בענעפיטס, שרייבט אריין די סכום אין די סכום/ווערט און אפטקייט רובריק פאר SSI בענעפיטס אויף שורה 2.

**פאַסטער קעיר אויפהאלטונג באצאלונגען (באקומען):** אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך באקומט פאַסטער קעיר באצאלונגען, שרייבט אריין די סומע אין די "סכום/ווערט און אפטקייט" רובריק פאר פאַסטער קעיר אויפהאלטונג באצאלונגען אויף

שורה 17. אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך באקומט פאַסטער קעיר אויפהאלטונג באצאלונגען פאר זיך אפגעבן מיט א קינד אין פאַסטער קעיר און איר אפליייט פאר סאַפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (SNAP) בענעפיטן, דאן האט איר צוויי אויסוואלן: איר קענט אויסוועלן צו אריינרעכענען די פאַסטער קעיר קינד און די פאַסטער קעיר אויפהאלטונג באצאלונגען אין אייערע SNAP בענעפיטן הויזגעזונד, אדער קענט איר אויסוועלן *נישט* אריינצורעכענען די פאַסטער קעיר קינד און די פאַסטער קעיר אויפהאלטונג באצאלונגען אין אייער SNAP בענעפיטן הויזגעזונד. פרעגט אן ביי אייער דיסטריקט וועלכע אויסוואל וועט אייך געבן מער SNAP בענעפיטן.

**טשיילד סופּארט באצאלונגען (באקומען):** אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך באקומט טשיילד סופּארט באצאלונגען, שרייבט די נאמען פון דער מענטש וואס באצאלט די טשיילד סופּארט נאך "באקומען פון" אויף שורה 18.

**אנדערע איינקונפט:** באשרייבט סיי וועלכע אנדערע געלטער וואס איר אדער סיי ווער וואס וואוינט מיט אייך באקומט, אריינרעכענענדיג ווער עס באקומט די געלט, וויפיל זיי באקומען, און ווי אפט זיי באקומען עס.

**דידאָקשענס (אראפרעכענונגען), ווער, און סכום/ווערט און אפטקייט:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" פאר שורות 1 ביז 15 אנצודייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך וועט אראפרעכענען סיי וועלכע פון די אויסגערעכנטע פעדעראלע טעקס דידאָקשענס אויף די היי-יאריגע אינקאָם טעקס ריטוירן. פאר יעדע "יא" ענטפער, שרייבט די נאמען/נעמען פון די מענטש(ן) וואס וועט/וועלן אראפרעכענען די דידאָקשען(ס), און די סכום אדער ווערט און אפטקייט פון די אויסגאבן וועלכע וועלן ווערן אראפגערעכנט אויף די אינקאָם טעקס ריטוירן.

**אנדערע צופאסונג:** באשרייבט סיי וועלכע פעדעראלע טעקס דידאָקשענס וואס איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך וועט אראפרעכענען אין די היי-יאריגע אינקאָם טעקס ריטוירן, אריינרעכענענדיג ווער עס וועט אראפרעכענען די דידאָקשען(ס), און די סכום אדער ווערט און אפטקייט פון די אויסגאבן וואס וועלן ווערן אראפגערעכנט פון די אינקאָם טעקס ריטוירן.

### *טייל 16: אינפארמאציע פון שטיף-עלטערן/ספּאנסאר פון נישט-בירגער מיט צופרידנשטעלנדע אימיגראציע סטאטוס*

**צו האט די שטיף-עלטערן פון סיי וועלכע קינדער וואס וואוינען מיט אייך סיי וועלכע מיטלען אדער באקומען זיי סיי וועלכע סארט איינקונפט? און ווער:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איינער וואס אפליייט, אריינרעכענענדיג זיך אליין, האט שטיף-עלטערן וואס וואוינען נישט מיט אייך און וואס האט פינאנציעלע מיטלען אדער באקומט געלט פון סיי וועלכע מקור. (אויב דער שטיפטאטע/מאמע וואוינט מיט אייך, זאל די שטיפטאטע/מאמעס הכנסה ווערן צוגערעכנט אין אפטייל 15, הכנסה אינפארמאציע.) אויב "יא", שרייבט די נאמען פון די שטיף-עלטערן.

**איז סיי ווער אין אייער הויזגעזונד א נישט-בירגער מיט צופרידנשטעלנדע אימיגראציע סטאטוס וואס איז געווארן געספּאַנסארט צו קענען אריינקומען אין די פאראייניגטע שטאטן און ווער?:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער אין אייער הויזגעזונד איז נישט קיין בירגער אבער האט צופרידנשטעלנדע אימיגראציע סטאטוס און איז געספּאַנסארט געווארן כדי צו ווערן אריינגעלאזט אין די פאראייניגטע שטאטן. אויב די ענטפער איז "יא", דאן שרייבט די נאמען פון דעם מענטש וואס איז געספּאנסארט געווארן.

**נאמען פון ספּאַנסאר, אדרעס און טעלעפאן נומער:** אויב "יא" שרייבט דעם נאמען פון דער פערזאן וואס איז אייער אונטערנעמער אדער איינער אין אייער הויזגעזינד פארן אריינקומען אין דער US, און דער אונטערנעמערס טעלעפאן נומער.

# בלעטער 9 און 10 פון די אפליקאציע

### *טייל 17: באשעפטיגונג אינפארמאציע*

פילט אויס די טייל פאר זיך אליין און פאר יעדער וואס וואוינט מיט אייך. אויב איר זענט באשעפטיגט (איר ארבעט), קענט איר נאכאלץ זיין בארעכטיגט פאר הילף. אין די טייל מיינט "ארבעט'ס עלטער" 18 יאר אדער עלטער, אדער 16 יאר און עלטער פאר יעדער וואס גייט נישט אין שולע.

**איך בין יעצט:** מאכט א טשעק (✓) אויף "באשעפטיגט", "זעלבסט-באשעפטיגט" אדער "ארבעטסלאז" צו אנדייטן אויב איר ארבעט, און אויב יא — אויב איר ארבעט פאר זיך אליין אדער פאר א צווייטן.

**גראָוס אינקאָם:** שרייבט די סכום וואס איר ווערט באצאלט פארן אראפנעמען טעקסעס אויף א וועכנטליכע פארנעם, יעדע צוויי וואכן, אדער חודש'ליך (נישט יערליך), אויב נוגע. רעכנט אריין אלע וועידזשעס, געהאלט, אָווערטיים באצאלונג, קאָמישענס, און טיפּס.

**שעה'ן געארבעט חודש'ליך:** שרייבט די צאל שעה'ן וואס איר ארבעט יעדע חודש, אויב נוגע.

**באצאלט:** מאכט א טשעק (✓) אויף "וועכנטליך", "יעדע צוויי וואכן" אדער "חודש'ליך" צו אנדייטן ווי אפט איר ווערט באצאלט, אויב נוגע.

**טאג פון די וואך באצאלט:** שרייבט די טאג פון די וואך ווען איר ווערט באצאלט, אויב נוגע.

**ארבעטסגעבער'ס נאמען און אדרעס און טעלעפאן נומער:** שרייבט אייער ארבעטסגעבער'ס נאמען, אדרעס, און טעלעפאן נומער, אויב נוגע. שרייבט "זעלבסט," און אייער ביזנעס אדרעס און טעלעפאן נומער, אויב איר זענט זעלבסט-באשעפטיגט.

**צו איז סיי ווער וואס וואוינט מיט אייך יעצט באשעפטיגט אדער זעלבסט-באשעפטיגט און ווער:** מאכט א טשעק (✓) אויף "באשעפטיגט" אדער "זעלבסט-באשעפטיגט" אויב סיי ווער וואס וואוינט מיט אייך ארבעט, און שרייבט זייער נאמען.

**גראָוס אינקאָם, שעה'ן געארבעט חודש'ליך, טאג פון די וואך באצאלט, ארבעטסגעבער'ס נאמען און אדרעס און טעלעפאן נומער:** פילט אויס פאר יעדער מענטש וואס וואוינט מיט אייך און ארבעט, לויט די אנווייזונגען אויבן.

**איז העלט אינשורענס צוגעשטעלט דורך אייער ארבעטסגעבער?:** אויב איר זענט באשעפטיגט, דאן מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר באקומט מעדיצינישע דעקונג דורך אייער ארבעטסגעבער.

**צו האט איינער וואס וואוינט מיט אייך העלט אינשורענס פון אן ארבעטסגעבער? און ווער:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איינער וואס וואוינט מיט אייך האט מעדיצינישע דעקונג דורך אן ארבעטסגעבער, און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט זייער נאמען.

**נאמען פון אינשורענס פירמע:** שרייבט די נאמען פון אייער העלט אינשורענס פירמע און/אדער די העלט אינשורענס פירמע פון סיי וועלכע מענטש וואס וואוינט מיט אייך, אויב נוגע.

**צו האט איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך אויסגאבן פארן זיך אפגעבן מיט א קינד אדער דיפענדענט צוליבן ארבעטן? און ווער:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך האט אויסגאבן פארן זיך אפגעבן מיט א קינד אדער מיט א דיפענדענט (וו.צ.ב. פאר עלטערע עלטערן) וואס קומען אלץ רעזולטאט פון דעם וואס זיי גייען ארבעטן, און שרייבט די נאמען פון דעם מענטש מיט די אויסגאבן.

**צו האט איר אדער סיי ווער וואס וואוינט מיט אייך אנדערע ארבעט-פארבינדענע אויסגאבן? און ווער:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך האט סיי וועלכע ארבעט-פארבינדענע אויסגאבן (צום ביישפיל פאר טראנספארטאציע אדער ארבעט מונדירן), און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט אייער/זייער נאמען.

**אויב איר ארבעט נישט, ווען איז געווען דאס לעצטע מאל וואס איר אדער סיי ווער וואס וואוינט מיט אייך האט געארבעט? ווער, ווען און וואו:** אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך ארבעט נישט, שרייבט אייער/זייער נאמען (נעמען), דער דאטום (ס), ווען איר/זיי האט געארבעט צו לעצט, און וואו איר/זיי האט געארבעט צו לעצט.

**פארוואס האט איר (אדער זיי) אויפגעהערט צו ארבעטן?:** שרייבט די סיבה/סיבות פארוואס איר אדער סיי ווער וואס איז אין די עלטער פאסיג צו ארבעטן און וואוינט מיט אייך איז ארבעטסלאז.

**צו האט איר אדער סיי ווער וואס וואוינט מיט אייך געפיילט פאר אָנעמפלאָימענט?, ווער, ווען און סטאטוס פון אפליקאציע:** אויב איר אדער איינער וואס איז אין ארבעטס עלטער און וואוינט מיט אייך איז ארבעטסלאז, מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר/זיי האבן געפיילט פאר אָנעמפלאָימענט (ארבעטסלאזיגקייט געלטער). אויב "יא," שרייבט אייער/זייער נאמען, ווען איר האט/זיי האבן געפיילט פאר אָנעמפלאָימענט, און די סטאטוס פון די פיילינג.

**צו טוט איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך אנטייל נעמען אין א סטרייק? און ווער:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער סיי ווער וואס וואוינט מיט אייך איז אויף א סטרייק (דאס הייסט אז זיי האבן אויפגעהערט ארבעטן אין פראטעסט קעגן א באשלוס אדער אויפפירונגען פון אן ארבעטסגעבער), און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט אייער/זייער נאמען.

**ווען די סטרייק האט זיך אנגעהויבן:** אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך איז אויף א סטרייק, שרייבט די דאטום ווען איר זענט/זיי זענען ארויסגעגאנגען אויף סטרייק.

**זענט איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך א פארעם ארבעטער וואס פארט ארום פאר די ארבעט אדער וואס ארבעט נאר אין געוויסע סעזאנען? און ווער:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך פארט צו פארשידענע פאַרמס פאר די ארבעט אדער ארבעט אין א פארם נאר אין די תקופה פון די יאר ווען עס וואקסט, און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט אייער/זייער נאמען.

**צו האט איר אדער סיי וועלכער ערוואקסענער וואס וואוינט מיט אייך סיי וועלכע מעדיצינישע פראבלעם וואס באגרעניצט די מעגליכקייט צו ארבעטן אדער די סארט ארבעט וואס זיי קענען טוהן? און ווער:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער סיי ווער וואס איז אין ארבעט'ס עלטער און וואוינט מיט אייך האט סיי וועלכע פראבלעם וואס האלט אייך/זיי צוריק פון ארבעטן פול-טיים אדער פון טוהן געוויסע סארטן ארבעט, און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט אייער/זייער נאמען.

**שילדערט די באגרעניצונגען:** אויב איר אדער איינער וואס איז אין די עלטער פאסיג צו ארבעטן און וואוינט מיט אייך האט סיי וועלכע פראבלעם וואס האלט אייך/זיי צוריק פון ארבעטן פול-טיים אדער פון טוהן געוויסע סארטן ארבעט, ערקלערט די וועגן אין וועלכע איר זענט/זיי זענען בארגעניצט.

**וואלט איר געקענט אננעמען ארבעט היינט? און אויב נישט, פארוואס?:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר וואלט געקענט אננעמען ארבעט היינט אויב עס וואלט געווען צו באקומען, און אויב די ענטפער איז "ניין", ערקלערט פארוואס.

**וועלכע סארט ארבעט וואלט איר געוואלט טוהן?:** דייט אן וועלכע סארט ארבעט איר וואלט הנאה געהאט צו טוהן.

# בלאט 11 פון די אפליקאציע

***טייל 18: עדזשוקעישען (בילדונג)/טרעינירונג***

**וואס איז די העכסטע שטאפל פון בילדונג וואס איר האט פארענדיגט?:** מאכט א טשעק (✓) אויף די שילדערונג וואס באשרייבט די בעסטע וויפיל בילדונג איר האט פארענדיגט.

**אויב אזוי, לעצטע קלאס געענדיגט?:** אויב איר האט נישט געענדיגט הויך שולע, שרייבט די לעצטע קלאס (גרעיד) וואס איר האט געענדיגט.

**צו האט סיי ווער אין די הויזגעזונד א הויך-שולע דיפּלאָמע, דזשענערעל עקוויוועלענסי דיפּלאָמע (GENERAL EQUIVALENCY DIPLOMA, GED) אדער טעסט אַסעסינג סעקאָנדערי קאָמפּלישען (TEST ASSESSING SECONDARY COMPLETION, TASC™), אדער העכערע שטאפל פון בילדונג?, ווער, דעגרי ערהאלטן און דאטום פארענדיגט:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב סיי ווער וואס וואוינט מיט אייך האט א הויך-שולע דיפּלאָמע, א דזשענערעל עקוויוועלענסי דיפלאמע (GED) אדער טעסט אַסעסינג סעקאָנדערי קאָמפּלישען (TASC™), אדער העכערע שטאפל פון בילדונג. אויב "יא," שרייבט די נאמען פון דעם מענטש, די דעגרי וואס ער האט באקומען, און דאטום ווען עס איז באקומען געווארן.

פילט אויס די פאלגנדע פראגעס פאר זיך אליין און יעדער וואס וואוינט מיט אייך וואס אפליקירט פאר אדער באקומט סערוויסעס:

**איז אדער איז געווען אין סיי וועלכע טרעינירונג פראגראם?, ווער, וואו, פראגראם, דאטומען געגאנגען און דאטומען פארענדיגט:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער סיי ווער וואס וואוינט מיט אייך וואס אפלייט פאר- אדער באקומט- הילף האט אנטייל גענומען אין א דזשאב טרעינירונג פראגראם, און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט די נאמען פון דעם מענטש, וואו דער מענטש האט גענומען די טרעינירונג פראגראם, די נאמען פון דעם פראגראם און וועלכע סארט פראגראם עס איז געווען, און אזוי אויך די דאטומען ווען דער מענטש האט אנטייל גענומען און געענדיגט די פראגראם.

**איז 16 יאר אלט אדער עלטער און גייט אין שולע אדער אין קאלעדזש?, ווער און וואו:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך וואס אפלייט פאר- אדער באקומט- הילף איז *16 יאר אדער עלטער* און גייט אין שולע אדער קאלעדזש, און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט די נאמען פון דעם מענטש און זייער שולע אדער קאלעדזש.

**איז אונטער 16 יאר אלט און גייט אין שולע?, ווער און שולע:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך וואס אפלייט פאר- אדער באקומט- הילף איז <u>אונטער 16 יאר אלט</u>, און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט די נאמען/נעמען פון דעם מענטש(ן) און זייער(ע) שולע(ס).

# בלאט 12 פון די אפליקאציע

***טייל 19: מיטלען אינפארמאציע***

איר דארפט נישט אויספילן דעם אפטייל אויב איר אפליקירט נאר פאר סערוויסעס, אויסער פאסטער קעיר און/אדער קינד קעיר הילף.

אויב איר אפליקירט בלויז פאר סאָפּלעמענטעל נוּטרישען הילף פראגראם בענעפיטן, דארפט איר נישט אנווייזן אויב איר האט לעבנס פארזיכערונג.

**דייט אן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך וואס אפלייט:** פאר שורות 1-23, מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך וואס אפלייט פאר הילף האט איינע פון די פינאנציעלע מיטלען וועלכע זענען אויסגערעכנט.

**ווער:** פאר יעדע "יא" ענטפער, שרייבט די נאמען/נעמען פון די מענטש(ן) מיט די מיטלען.

**אויב יא, סכום/ווערט:** פאר יעדע "יא" ענטפער, שרייבט די סכום אדער ווערט פון די מיטל אין דאלאר ($). זייט זיכער אויסצורעכענען יעדע בשותפות'דיגע פארמאג (למשל, מיטלען וואס געהערן צו צוויי אדער מער מענטשן, צום ביישפיל, צוזאמענדיגע באנקקאנטעס). יעדער וואס אפליקירט פאר פובליק הילף, אדער מעדיקעיד מוז אריינרעכענען די מיטלען פון אלע לעגאלע פאראנטווארטליכע קרובים. דאס זענען מענטשן וואס זענען געפאדערט לויטן געזעץ אייך צו שטיצן אדער יעדער וואס אפליקירט, אזוי ווי א מאן/פרוי אדער, אויב איר זענט אונטער 21 יאר אלט, סיי וועלכע עלטערן אדער שטיפעלטערן וואס וואוינען מיט אייך, אדער אלע וואס אפליקירן.

**האט טייטל אדער רעגיסטראציע צו א קאר(ן) אדער אנדערע וויקעל(ס) (טראָקס א.ד.ג.), יאר, מעיק/מאדעל און אנדערע:** אויב אייער נאמען אדער דער נאמען פון איינעם וואס וואוינט מיט אייך וואס טוט אפליקירן איז רעגיסטרירט אויפן טיטל פון אן אויטא אדער אן אנדער וויהיקל, שרייבט דאס יאר, מארקע און מאדל פאר יעדע וויהיקל אויף שורה 6. רעכנט אויס מיטלען, ווי למשל קעמפערס, סנאָומאָובילס, און שיפלעך, נאך "אנדערע" אויף שורה 6.

**האט מיטלען חוץ פון די וועלכע זענען אויסגערעכנט געווארן אויבן:** עס איז גאר וויכטיג באלד צו לאזן וויסן פאר אייער דיסטריקט אויב איר באקומט אדער ערווארט צו באקומען געלט פון א 'לאָמפּ סאָם'. א לאָמפּ סאָם איז אן איינמאליגע באצאלונג, ווי צום ביישפיל אן אינשורענס סעטלמענט, ירושה, אדער געוואונס פון א געריכט אדער לאַטערי. זעט LDSS-4148A, "בוך 1: וואס איר זאלט וויסן וועגן אייערע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן," פאר מער אינפארמאציע וועגן לאָמפּ סאָמס.

**האט סיי ווער... אמאל געעפנט א טראָסט אין די פארגאנגענהייט אדער אריבערגעפירט סיי וועלכע אייגנטום צו א טראָסט אין די לעצטע 60 חדשים?:** אויב איר אדער אייער מאן/ווייב פירן אריבער אדער גיבן אוועק אייגנטום (פארמעגן) אין די 36 חדשים (60 חדשים פאר טראנספערס/אריבערפירונגען צו א טראָסט) בעפאר די ערשטע טאג פון די חודש אין וועלכע איר באקומט נוירסינג אנשטאלט (פעסיליטי) סערוויסעס און איר האט אריינגעגעבן אן אפליקאציע פאר מעדיקעיד, וועט איר מעגליך נישט זיין בארעכטיגט צו באקומען נוירסינג אנשטאלט סערוויסעס אדער היים און קאָמיוניטי-באזירטע אומזיסטע סערוויסעס אונטער די מעדיקעיד פראגראמען.

אויב איר אדער סיי ווער וואס אַפּלייט, אדער א מאן/ווייב פון אייך אדער פון סיי ווער וואס אַפּלייט (אפילו אויב די מאן/ווייב אַפּלייט נישט אדער וואוינט נישט אין די הויזגעזונד), האט געעפנט א טראָסט אדער אריינגעלייגט געלט אין א טראָסט אין די לעצטע פינף יאר, שרייבט ווען די טראָסט איז געעפנט געווארן אדער ווען געלט איז אריינגעלייגט געווארן אויף שורה 23.

# בלעטער 13 ביז 15 פון די אפליקאציע

### *טייל 20: מעדיצינישע אינפארמאציע*

**דייט אן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך וואס אפלייט און אויב יא, ווער:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב סיי וועלכע פון די אויסגערעכנטע מצבים זענען נוגע ביי אייך אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך וואס אפלייט פאר הילף, און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט די נאמען פון דעם מענטש פאר וועם יעדע מצב איז נוגע. זייט זיכער צו פארשרייבן אלע געזונט און שפיטאל/אקצידענט אינשורענס וואס איר האט אדער וואס געהער צו איינעם וואס אפליקירט.

**האט באצאלטע אדער נישט באצאלטע בילס אין די לעצטע 3 חודשים באפאר דעם חודש פון די אפליקאציע:** מעדיקעיד וועט מעגליך קענען באצאלן פאר מעדיצינישע בילס פאר קעיר וואס איר האט באקומען דורכאויס די דריי חדשים בעפאר די חודש ווען איר אַפּלייט פאר הילף. אויב איר האט שוין באצאלט די ביל, קענען מיר אייך מעגליך באצאלן פאר די ביל אויב מיר באשטימען אז איר וואלט געווען בארעכטיגט פאר מעדיקעיד אין יענע צייט. מיר וועלן אייך מעגליך קענען באצאלן אפילו אויב דער דאקטאר אדער אנדערע פראָווידער נעמט נישט אן מעדיקעיד, אבער מיר קענען נאר באצאלן די סכום וואס מעדיקעיד וואלט באצאלט און נאר אויב די בילס זענען געווען פאר סערוויסעס וואס מעדיקעיד וואלט געדעקט.

**אויב טראגעדיג:** אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך וואס אפליקירט שוואנגערט, שרייבט דעם טאג וואס זי ריכט זיך און וויפיל קינדער זי וועט האבן אויף שורה 14

**העלט פלאן אויסוואהל:** פילט אויס דעם אפטייל פאר יעדער וואס אפליקירט פאר מעדיקעיד. מייסטנס מענטשן וואס זענען איינגעשריבן אין מעדיקעיד ווערן געפאדערט זיך צו אנשליסן אין א מענעדזשעד קעיר העלט פלאן חוץ אויב זיי זענען אין עקזעמפּט (פּטור)

קאטעגאריע. נוצט די טייל צו וועלן א העלט פלאן. אויב איר ווייסט נישט וועלכע העלט פלענער זענען דא צו באקומען, פרעגט אייער ארבעטער (וואָרקער) אדער רופט די מענעדזשעד קעיר מעדיקעיד טשויס הילף האטליין ביי 1-800-505-5678.

**נאמען פון פלאן אין וועלכע איר שליסט זיך אן:** שרייבט דעם נאמען פון דעם העלט פלאן(פלענער) אין וועלעכער יעדערער וואס אפליקירט פאר מעדיקעיד וויל זיך איינשרייבן. אויב איר ווייסט נישט וועלכע העלט פלענער זענען דא צו באקומען פאר אייך, פרעגט די דיסטריקט.

**לעצטע נאמען און ערשטע נאמען:** שרייבט דעם לעצטן נאמען און ערשטן נאמען פון יעדער איינער וואס אפליקירט פאר מעדיקעיד.

**געבורט דאטום:** שרייבט דעם צוויי-ציפערדיגן חודש, צוויי-ציפערדיגן טאג, און צוויי-ציפערדיגן יאר פון יעדער פערזאן וואס אפליקירט פאר מעדיקעיד.

**סעקס:** שרייבט "M" פאר מאן, "F" פאר פרוי אדער "X" פאר נישט-ביינערי אדער אן אנדערע אידענטיטעט צו אנדייטן די סעקס פון יעדער מענטש וואס אפלייט פאר מעדיקעיד.

**ID נומער (פון מעדיקעיד קארטל — אויב איר האט איין):** אויב איינער וואס אפליקירט פאר מעדיקעיד האט א מעדיקעיד קארטל, שרייבט דעם מעדיקעיד קארטל אידענטיפיקאציע נומער דא.

**סאָושעל סעקיוריטי נומער:** שרייבט דעם סאשעל סעקיוריטי נומער פון יעדער פערזאן וואס אפליקירט פאר מעדיקעיד.

**פריימערי קעיר פראווײדער (PRIMARY CARE PROVIDER, PCP) אדער העלט צענטער (מאכט א טשעק אין די קעסטל אויב עס איז די יעצטיגע דאקטאר):** שרייבט דעם נאמען פון דעם הויפט קעיר פראווײדער (למשל, אלגעמיינער דאקטאר אדער פאמיליע דאקטאר) אדער דעם העלט צענטער וואס איינער וואס אפליקירט פאר מעדיקעיד וויל נוצן. אויב דאס איז שוין יעצט די פּראָווײדער אדער צענטער וואס דער מענטש נוצט, מאכט א טשעק (✓) אין די קעסטל. איר מוזט זיכער מאכן אז דער פּראָווײדער אדער צענטער נעמט אן מעדיקעיד בעפאר איר באקומט מעדיצינישע קעיר.

**נאמען און ID נומער פון OB/GYN (מאכט א טשעק אין די קעסטל אויב עס איז די יעצטיגע דאקטאר):** אויב איינער וואס אפליקירט פאר מעדיקעיד דארף אן אבסרעקטיקער/פרויען דאקטאר OB/GYN, שרייבט דעם נאמען פונעם OB/GYN דער אפליקאנט וויל נוצן. אויב די אפליקאנט נוצט שוין יעצט די OB/GYN, מאכט א טשעק (✓) אין די קעסטל. איר מוזט זיכער מאכן אז דער פּראָווײדער אדער צענטער נעמט אן מעדיקעיד בעפאר איר באקומט מעדיצינישע קעיר.

איר מוזט זיכער מאכן אז סיי וועלכער דאקטאר אדער מעדיצינישע פּראָווײדער וועם איר זעהט נעמט אן מעדיקעיד <u>*בעפאר*</u> איר באקומט מעדיצינישע קעיר.

### *טייל 21: וואוינונג*

איר דארפט נישט אויספילן דעם אפטייל אויב איר אפליקירט בלויז פאר סערוויסעס וואס האט נישט צו טון מיט פאסטער קעיר און/אדער קינדער קעיר הילף.

**וואס איז אייער לענדלאָרד'ס נאמען, אדרעס, און טעלעפאן נומער?:** אויב איר האט א לענדלאָרד, שרייבט אייער לענדלאָרד'ס נאמען, אדרעס, און טעלעפאן נומער.

**צו האט איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך רענט, מאָרטגעדזש אדער אנדערע וואוינונג אויסגאבן?:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך באצאלט רענט, א מאָרטגעדזש אדער אנדערע וואוינונג (וו.צ.ב. פאר צימער און צו איינשטיין) אויסגאבן, און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט די סכום וויפיל איר באצאלט/זיי באצאלן יעדע חודש. אויב איר האט א מאָרטגעדזש באצאלונג, רעכנט אריין די סכום פון פראָפּערטי טעקסעס און היים אייגנטומער'ס אינשורענס (אריינרעכענענדיג פייער אינשורענס).

**צו האט איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך א הייצונג ביל באזונדער פון אייער רענט אדער אנדערע וואוינונג אויסגאבן?:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך באצאלט פאר הייצונג באזונדער פון אייער רענט, מאָרטגעדזש אדער אנדערע וואוינונג אויסגאבן, און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט די סכום וואס איר צאלט/זיי צאלן יעדע חודש.

**צו האט איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך די פאלגנדע אויסגאבן באזונדער פון אייער רענט אדער אנדערע וואוינונג אויסגאבן?:** פאר שורות 1 ביז 8, מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך באצאלט סיי וועלכע פון די אויסגערעכנטע אויסגאבן באזונדער פון אייער רענט, מאָרטגעדזש אדער אנדערע וואוינונג אויסגאבן, און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט די סכום וויפיל איר צאלט/זיי צאלן יעדע חודש. פאר די פראגן אויף שורות 9 ביז 11, מאכט א טשעק (✓) אויף "יא"

אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס אפלייט וואוינט אין איינס פון די סארטן פלעצער.

### *טייל 22: אנדערע אויסגאבן*

**דייט אן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך און אפלייט און אויב יא, סכום:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך און אפלייט מאכט איינע פון די באצאלונגען וואס זענען אויסגערעכנט אויף שורות 1 ביז 5. אויף שורה 6 שרייבט ארויס סיי וועלכע אויסגאבן וואס זענען נישט אויסגערעכנט. פאר יעדע "יא" ענטפער, שרייבט די סכום פון די באצאלונג אדער אויסגאב און ווי אפט עס ווערט באצאלט (צום ביישפיל, 100$ פער וואך אדער 100$\וואך.)

**צו זענט איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך און אפלייט שולדיג צום וויניגסטנס פיר חודשים פון סוּפּארט פאר א קינד אונטער 21:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך און אפלייט איז שולדיג פיר חודשים אדער מער פון טשיילד סוּפּארט.

# בלאט 16 פון די אפליקאציע

### *טייל 23: אנדערע אינפארמאציע*

**צו קויפט איר אדער פלאנירט איר צו קויפן מאלצייטן פון א היים דעליווערי אדער קאָמיוּנעל (צוזאמען מיט אנדערע) עסן סערוויס?:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס אפלייט קויפט יעצט אדער פלאנירט צו קויפן מאלצייטן פון א היים דעליווערי (צום ביישפיל Meals on Wheels) אדער קאָמיוּנעל עסן סערוויס (צום ביישפיל פון א קאפעטעריע אין די געביידע וואו איר וואוינט).

**זענט איר אומשטאנד צו קאכן אדער צוגרייטן מאלצייטן אינדערהיים?:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר האט א פלאץ אינדערהיים וואו איר קענט קאכן.

אין די פראגן אויף שורות 10 ביז 12, "פאראייניגטע שטאטן מיליטער" מיינט די:

- פאראייניגטע שטאטן ארמיי
- פאראייניגטע שטאטן נעיווי
- פאראייניגטע שטאטן קאָוסט גאַרד
- פאראייניגטע שטאטן מארין קאָרפּס
- פאראייניגטע שטאטן עיר פאָרס (לופט פלאטע)
- פאראייניגטע שטאטן מערטשענט מארין דורכאויס די צווייטע וועלט קריג

**זענט איר אדער איינער אין אייער הויזגעזונד אמאל געווען אין די פאראייניגטע שטאטן מיליטער? און ווער:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך איז אמאל געווען אין סיי וועלכע פון די מיליטער איינהייטן אויסגערעכנט אויבן, און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט זייער נאמען.

**איז אייער מאן/ווייב אמאל געווען אין די פאראייניגטע שטאטן מיליטער?** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב אייער מאן/ווייב איז אמאל געווען אין סיי וועלכע פון די מיליטער איינהייטן אויסגערעכנט אויבן.

**איז איינער אין אייער הויזגעזונד א דיפענדענט פון איינעם וואס איז אדער איז געווען אין די פאראייניגטע שטאטן מיליטער? און ווער:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך איז פינאנציעל אנגעוויזן (דיפענדענט) אויף איינער וואס איז אדער איז אמאל געווען אין איינע פון די מיליטער איינהייטן אויסגערעכנט אויבן, און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט די נאמען פון די דיפענדענט.

**צו באקומט איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך הילף אדער סערוויסעס יעצט?; אויב יא, ווער; און סארט הילף:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך באקומט יעצט פובליק הילף, מעדיקעיד, סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (SNAP; אמאל גערופן "פוּד סטעמפּס") בענעפיטן, טשיילד קעיר הילף אדער סערוויסעס. אויב "יא" שרייבט די פארזאנס נאמען און די סארט הילף באקומען.

**צו האט איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך באקומען הילף אדער סערוויסעס אין די פארגאנגנהייט?; אויב יא, ווער; און סארט הילף:** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך האט אמאל באקומען פובליק הילף, מעדיקעיד, SNAP בענעפיטן, טשיילד קעיר הילף אדער סערוויסעס אין די פארגאנגענהייט. אויב "יא" שרייבט די פארזאנס נאמען און די סארט הילף באקומען.

**אנדערע אינפארמאציע (המשך):** מאכט א טשעק (✓) אויף "יא" אדער "ניין" צו אנדייטן אויב די מצבים וואס זענען געשילדערט אין די קומענדיגע ניין פראגן זענען נוגע צו אייך אדער צו איינער וואס וואוינט מיט אייך, און אויב די ענטפער איז "יא", שרייבט די נאמען פון דעם מענטש צו וועם די מצב איז נוגע. אויב איר פארשטייט נישט די פראגן, בעט אייער דיסטריקט צו ערקלערן. ביטע מערקט אן אז ניו יארק סטעיט געזעץ טיילט צו א קנס אדער טורמע, אדער ביידע, פאר א מענטש וואס ווערט געפונען שולדיג פון באקומען פובליק הילף, מעדיקעיד, SNAP בענעפיטס, טשיילד קעיר הילף, אדער סערוויסעס דורכן באהאלטן די פאקטן אדער נישט זאגן די אמת.

**אייגנטום אריבערפירונג סטאטוס:** מאכט א טשעק (✓) אויף די "איך האב" אדער "איך האב נישט" קעסטל צו אנדייטן אויב איר אדער איינער וואס אפלייט האט פארקויפט, אריבערגעפירט אדער אוועקגעגעבן סיי וועלכע אייגנטום כדי צו באקומען פובליק הילף אדער SNAP בענעפיטן. ביטע מערקט אן אז ניו יארק סטעיט געזעץ טיילט צו א קנס אדער טורמע, אדער ביידע, פאר א מענטש וואס ווערט געפונען שולדיג פון באקומען פובליק הילף, מעדיקעיד, SNAP בענעפיטס, טשיילד קעיר הילף, אדער סערוויסעס דורכן באהאלטן די פאקטן אדער נישט זאגן די אמת.

# בלעטער 18 ביז 24 פון די אפליקאציע

***אנמערקונגען, צוטיילונגען, ערלויבענישן און צושטימונגען***

**לייענט אלע פון די אינפארמאציע אין די טייל פארזיכטיגערהייט אדער בעט א צווייטן עס צו פארלייענען פאר אייך. די טייל אנטהאלט וויכטיגע אינפארמאציע איבער אייערע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן אין פארבינדונג מיטן באקומען פובליק הילף, ווי אויך שטראפן וואס איר קענט זיך פארדינען (צום ביישפיל, א קנס און/אדער טורמע) אויב איר ערפילט נישט אייערע פאראנטווארטליכקייטן אונטער די טייל. דורכן אונטערשרייבן און אריינגעבן אן אפליקאציע, דייט איר אן אז איר פארשטייט און זענט איינשטימיג מיט די דעקלעראציעס אין די טייל.**

**סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם אויטאריזירטער פארשטייער:** אויב איר ווילט אז איינער זאל אפליקירן פאר סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (SNAP) בענעפיטן פאר אייך און/אדער איר ווילט איינער וואס וואוינט נישט מיט אייך זאל באקומען SNAP בענעפיטן פאר אייך און/אדער נוצט זיי צו קויפן עסן פאר אייך, שרייבט די פערזאנס נאמען, אדרעס, און טעלעפאן נומער אין דעם קעסטל. דער מענטש איז אייער "באשטימטער (אויטאריזירטער) פארשטייער." דער אויטאריזירטע רעפרעזענטיטיוו מוז אונטערשרייבן און דאטירן דעם אונטערשריפט אפטייל אין דער ענדע פון דער אפליקאציע. אויב אייער הויזגעזינד וואוינט נישט אין אן אינסטיטוציע, מוז א פאראנטווארטלעכע מיטגליד פון אייער הויזגעזינד אויך אונטערשרייבן און דאטירן די אפליקאציע, אויסער אויב אייער הויזגעזינד האט שוין דעזיגנירט דעם אויטאריזירטן רעפרעזענטיטיוו אזוי צו טון שריפטלעך.

**ארויסגעבן מעדיצינישע אינפארמאציע:** מאכט א טשעק (✓) אויף "גיבט נישט ארויס קיין HIV/AIDS אינפארמאציע", "גיבט נישט ארויס קיין גייסטישע געזונטהייט אינפארמאציע" און/אדער "גיבט נישט ארויס קיין דראָג און אלקאהאל אינפארמאציע" אויב איר זענט נישט מסכים אז די מעדיצינישע אינפארמאציע איבער אייך און/אדער פאמיליע מיטגלידער וואס אפלייען זאל ארויסגעגעבן ווערן ווי ערלויבט דורכן געזעץ.

**אונטערשריפט טייל:** לייענט די טייל פארזיכטיג אדער האט איינער עס צו לייענען פאר אייך. ניו יארק סטעיט געזעץ טיילט צו א קנס אדער טורמע, אדער ביידע, פאר א מענטש וואס ווערט געפונען שולדיג פון באקומען פובליק הילף, מעדיקעיד, סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם בענעפיטס, טשיילד קעיר הילף, אדער סערוויסעס דורכן באהאלטן די פאקטן אדער נישט זאגן די אמת. **דורכן אונטערשרייבן און אריינגעבן אן אפליקאציע, דייט איר אן אז איר פארשטייט און זענט איינשטימיג מיט די דעקלעראציעס אין די טייל, און אז אלע אינפארמאציע וואס איר האט איבערגעגעבן אין די אפליקאציע אדער וואס איר וועט איבערגעבן פאר די דיסטריקט אין די צוקונפט איז פולשטענדיג און ריכטיג לויט ווי ווייט איר ווייסט.**

**אַפּליקאַנט אונטערשריפט און דאטום אונטערגעשריבן:** שרייבט אונטער אייער נאמען און שרייבט דעם דאטום איר האט אונטערגעשריבן די אפליקאציע, אויסער אז איר האט דעזיגנירט אן סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (SNAP) אויטאראזירטע רעפרעזענטעטיוו אויפן אפליקאציע און איר וואוינט אין אן אינסטיטוציע, אין וועלכן פאל קען דער אויטאראזירטע רעפרעזענטיטיוו אונטערשרייבן און דאטירן די אפליקאציע. אויב איר וואוינט נישט אין קיין אינסטעטוציע, מוזן ביידע, איר און דער אויטאראזירטע רעפרעזענטיטיוו אונטערשרייבן און דאטירן די אפליקאציע, אויסער אז איר האט פריער דעזיגנירט דעם SNAP אויטאראזירטע רעפרעזענטיטיוו דאס צו טון שריפטלעך. אויב איר האט אויסגעפילט די אפליקאציע פאר איינעם אנדערש, שרייבט אונטער *אייער* נאמען, נישט די נאמען פון דעם מענטש פאר וועם איר האט אפלייט און שרייבט די דאטום ווען איר האט אונטערגעשריבן.

**מאן/ווייב אדער באשיצנדע פארשטייער אונטערשריפט און דאטום אונטערגעשריבן:** אויב איר זענט פארהייראט און אפליקירט פאר פובליק הילף, מעדיקעיד, קינדער קעיר הילף, אדער סערוויסעס, אייער מאן/ווייב מוז אונטערשרייבן און דאטירן די אפליקאציע. אויב איר זענט פארהייראט און אפליקירט בלויז פאר סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם בענעפיטן, נאר איין מאן/ווייב מוז אונטערשרייבן און דאטירן די אפליקאציע. אויב איר האט א באשיץ רעפרעזענטעטיוו, מוז די פערזאן אונטערשרייבן און דאטירן די אפליקאציע.

**אויטאריזירטער פארשטייער אונטערשריפט:** אויב איר האט דעזיגנירט א SNAP אויטאריזירטע רעפרעזענטעטיוו אויפן אפליקאציע, מוז די פערזאן אונטערשרייבן און דאטירן די אפליקאציע.

**איך שטום צו *צוריקציהען* מיין אפליקאציע פאר:** צייכנט נישט אפ איינע פון די קעסטלעך, אדער שרייבט אונטער אדער דאטירט, אויב איר ווילט אריינגעבן אן אפליקאציע. צייכנט אן די טייל נאר אויב איר ווילט *צוריקציהען* אייער אפליקאציע פאר איין אדער מער פראגראמען. צו צוריקציהען אייער אפליקאציע פאר א פראגראם, מאכט א טשעק (✓) אויף די קעסטל נעבן דעם פראגראם און שרייבט אונטער און שרייבט אריין די דאטום ווי אנגעדייטעט. אייער אפליקאציע וועט ווערן צוריקגעצויגן נאר פון דער פראגראם(ען) וואס איר צייכנט אפ.

**ווײלער רעגיסטראציע בויגן:** די לעצטע צוויי זייטן פון דער אפליקאציע זענען א ווײלער רעגיסטראציע פארם. נוצן דעם פארם צו רעגיסטרירן אדער אפזאגן צו רעגיסטרירן וועט נישט אפעקטירן די החלטה וועגן אייער אפליקאציע פאר בענעפיטן, אדער דער סכום פון הילף וואס איר וועט מעגליך באקומען. אויב איר ווילט באקומען הילף אויסצופילן די ווײלער רעגיסטראציע בויגן, בעט אייער דיסטריקט.

## דאקומענט פאדערונגען — נאר פאר אינפארמאציע

די פאלגנדע ליסטע פון בארעכטיגונג פאקטארן (גורמים, זאכן וואס ווערן גענומען אין באטראכט באשלוסנדיג אויב איר זענט בארעכטיגט פאר הילף) און דאקומענט פאדערונגען איז בלויז פאר די צוועק פון גיבן אינפארמאציע. אייער דיסטריקט וועט אייך לאזן וויסן פונקטליך וועלכע פון די בארעכטיגונג פאקטארן איר וועט געפאדערט ווערן צו אויפווייזן. איר וועט מעגליך געבעטן ווערן צו אויפווייזן אנדערע בארעכטיגונג פאקטארן וואס ווערן נישט אויסגערעכנט אונטן. איר וועט קענען מעגליך זיך באנוצן מיט דאקומענטן וואס ווערן נישט אויסגערעכנט אונטן צו אויפווייזן אט די בארעכטיגונג פאדערונגען. אויב איר האט סיי וועלכע פראגן איבער דאקומענט פאדערונגען, פארבינדט אייך ביטע מיט אייער דיסטריקט.

| **בארעכטיגונג פאקטאר** | **צו אויפווייזן די פאקטאר, שטעלט צו:**<br>✓ 🠗 **איינס פון די פאלגנדע** | **אדער** ✓ 🠗 **צוויי פון די פאלגנדע**<br>(אויב איר אפּלייט **נאר** פאר SNAP בענעפיטן אדער **נאר** פאר מעדיקעיד, דארפט איר ברענגן **נאר** איין סארט דאקומענט פאר יעדע בארעכטיגונג פאקטאר וואס איז אנגעצייכנט.) |
|---|---|---|
| ☐ **אידענטיטעט**<br>איר מוזט אויפווייזן ווער איר זענט. | בילד ID<br>דרייווער לייסענס<br>פאראייניגטע שטאטן פאספארט<br>נעטשורעלייזעישען סערטיפיקאט<br>שפּיטאל/דאקטאר'ס רעקארדס<br>אַדאָפּשען פאפיר | סטעיטמענט פון אנדערע מענטש<br>באשטעטיגטע סאָושעל סעקיוריטי נומער<br>געבורטס/בעפּטיזמעל סערטיפיקאט |
| ☐ **הייראט סטאטוס**<br>איר מוזט אויפווייזן אויב איר זענט פארהייראט, גע'גט, אפגעטיילט, אדער אלמן/ה. | חתונה/טויט סערטיפיקאטן<br>סעפּערעישען אגרימענט<br>דיוואָרס דעקרי<br>סאָושעל סעקיוריטי רעקארדס<br>VA רעקארדס | סטעיטמענט פון גייסטליכער<br>צענזוס רעקארדס<br>צייטונג מעלדונג<br>סטעיטמענט פון אנדערע מענטש |
| ☐ **וואוינארט**<br>איר מוזט אויפווייזן וואו איר וואוינט. | סטעיטמענט פון לענדלאָרד<br>יעצטיגע רענט רעסיט אדער ליס<br>מאָרטגעדזש רעקארדס | סטעיטמענט פון אנדערע מענטש<br>יעצטיגע פּאָסט<br>שולע רעקארדס |
| ☐ **הויזגעזונד אויסשטעלונג/גרויסקייט**<br>איר מוזט אויפווייזן ווער עס וואוינט מיט אייך. | סטעיטמענט פון לענדלאָרד וואס איז נישט א קרוב<br>שולע רעקארדס | סטעיטמענטס פון אנדערע מענטשן |
| ☐ **עלטער**<br>איר מוזט אויפווייזן די עלטער פון יעדע מענטש וואס אַפּלייט פאר הילף, וואו עס קומט זיך. | געבורטס סערטיפיקאט<br>בעפּטיזמעל סערטיפיקאט<br>שפּיטאל רעקארדס<br>אַדאַפּשען רעקארדס<br>נעטשורעלייזעישען סערטיפיקאט<br>דרייווער לייסענס | אינשורענס פאליסי<br>צענזוס רעקארדס<br>שולע רעקארדס<br>סטעיטמענט פון אנדערע מענטש<br>דאקטאר סטעיטמענט<br>אפיציעלע קארעספאנדענץ פון SSA |
| ☐ **פעלנדע עלטערן**<br>אויב די עלטערן פון סיי וועלכע קינד אין אייער היים וואוינט נישט מיט אייך, מוזט איר דאס אויפווייזן. | טויט סערטיפיקאט<br>איבערלעבער'ס (סארווייווער) בענעפיטס<br>שפּיטאל רעקארדס<br>VA אדער מיליטער רעקארדס<br>גט (דיוואָרס) פאפירן<br>באווייז פון נאכאמאל חתונה האבן | צייטונג מעלדונג<br>אינשורענס פירמע רעקארדס<br>אינסטיטוציאנאלע רעקארדס<br>אגענטור קעיס רעקארדס און באגרעבעניש באצאלונג דאקומענטן<br>סטעיטמענט פון אנדערע מענטש |
| ☐ **פעלנדע עלטערן אינפארמאציע**<br>איר מוזט צושטעלן אלע אינפארמאציע וואס איר האט: נאמען, אדרעס, סאושעל סעקיוריטי נומער, געבורט דאטום, ארבעט | פּעי סטאָבס (באצאלונג פאפירן)<br>טעקס ריטוירן<br>סאָושעל סעקיוריטי אדער VA רעקארדס<br>מאניטערי דיטערמינעישען בריוון<br>ID קארטלעך (העלט אינשורענס)<br>דרייווער'ס לייסענס אדער רעגיסטראציע | |

| **בארעכטיגונג פאקטאר** | **צו אויפווייזן די פאקטאר, שטעלט צו איינס פון די פאלגנדע:** |
|---|---|
| **סאושעל סעקיוריטי נומער**<br>(פאר פובליק הילף, SNAP בענעפיטן און פארן אפּלייען **נאר** פאר מעדיקעיד, דארפט איר **נישט** איבערגעבן א באווייז פון אייער סאָושעל סעקיוריטי נומער (SSN) חוץ אויב די SSN שטימט נישט מיט די SSA'ס רעקארדס אדער קען נישט פעסטגעשטעלט ווערן דורך די אגענטור.) | סאָושעל סעקיוריטי קארטל<br>אפיציעלע קארעספאנדענץ פון SSA<br>א סאָושעל סעקיוריטי נומער איז נישט געפאדערט פון מענטשן וואס זענען נישט קיינע בירגער און ווילן באקומען מעדיקעיד נאר פאר עמערדזשענסי באהאנדלונג אדער וועלכע זענען אפליקאנטן נאר פאר מעדיקעיד וועלכע זענען טראגעדיג. |
| **בירגערשאפט אדער יעצטיגע** נישט-בירגער **סטאטוס** - בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן זענען בארעכטיגט פאר פובליק הילף, SNAP און מעדיקעיד. נישט-בירגער מוזן זיין אין א צופרידנשטעלנדע אימיגראציע סטאטוס כדי צו זיין בארעכטיגט פאר פובליק הילף, SNAP אדער מעדיקעיד. אימיגראציע סטאטוס איז נישט א בארעכטיגונג פאקטאר פאר טראגעדיגע פרויען אדער קינדער אימיגראנטן וואס געבן זיך איין פאר טשיילד העלט פלאס B. אומדאקומענטירטע אימיגראנטן און צייטווייליגע נישט-אימיגראנטן זענען בארעכטיגט נאר פאר די באהאנדלונג פון אן עמערדזשענסי מעדיצינישע פראבלעם. | געבורטס סערטיפיקאט<br>בעפּטיזמעל סערטיפיקאט<br>שפּיטאל רעקארדס<br>פאראייניגטע שטאטן פאספארט<br>מיליטער דינסט רעקארדס<br>נעטשורעלייזעישען סערטיפיקאט<br>USCIS דאקומענטן<br>באווייזן פון וואוינען אין די פאראייניגטע שטאטן אין איין צו פון בעפאר 1/1/72. |
| ☐ **פארדינטע איינקונפט (אוירנד אינקאָם)** פון ארבעטסגעבער | יעצטיגע וועידזש סטאָבס (באצאלונג פאפירן)<br>באצאלונג קאנווערט<br>אויף לעטערהעד, ראטע פון באצאלונג פער שעה; שעה'ן געארבעט פער וואך; דאטום פון ערשטע באצאלונג, אויב ניי, און ארבעטסגעבער'ס טעלעפאן נומער |
| ☐ פון זעלבסט-באשעפטיגונג | פארבינדונג מיט ארבעטסגעבער<br>ביזנעס רעקארדס<br>טעקס רעקארדס<br>רעקארדס און פארבינדענע מאטעריאלן וועגן זעלבסט-באשעפטיגונג פארדינסטן און אויסגאבן<br>יעצטיגע אינקאָם טעקס ריטוירן |
| ☐ איינקונפט פון רענט אדער צימער/איינשטיין | יעצטיגע ביישטייערונג טשעק<br>סטעיטמענט פון דער וואס דינגט צימער, שטייט איין, טענענט<br>אינקאָם טעקס רעקארדס |
| ☐ **נישט פארדינטע איינקונפט**<br>טשיילד סופּארט | סטעיטמענט פון פאמיליע געריכט<br>סטעיטמענט פון מענטש וואס באצאלט סופּארט<br>טשעק סטאָבס |
| ☐ אָנעמפּלאָימענט אינשורענס בענעפיטן (UIB) | יעצטיגע אוואָרד סערטיפיקאט<br>יעצטיגע בענעפיט טשעק<br>אפיציעלע קארעספאנדענץ מיט NYS דעפארטמענט אוו לעיבאר |
| ☐ סאָושעל סעקיוריטי בענעפיטן (אריינרעכענענדיג SSI) | יעצטיגע אוואָרד סערטיפיקאט<br>יעצטיגע בענעפיט טשעק<br>אפיציעלע בריוו אויסטויש פון SSA |
| ☐ וועטעראן בענעפיטן | יעצטיגע אוואָרד סערטיפיקאט<br>יעצטיגע בענעפיט טשעק<br>אפיציעלע בריוו פון VA |

| בארעכטיגונג פאקטאר | צו אויפווייזן די פאקטאר, שטעלט צו איינס פון די פאלגנדע: |
|---|---|
| **אומפארדינטע איינקונפט (המשך)** | |
| ☐ ארבייטער'ס פארגוטיגונג (קאמפענסעישען) | אוואָרד בריוו<br>טשעק סטאָב |
| ☐ עדזשוקעישען גרענטס און הלוואות | סטעיטמענט פון שולע<br>סטעיטמענט פון באנק<br>אוואָרד בריוו |
| ☐ אינטערעסט/דיווידענדס/ראָיעלטיס | סטעיטמענט פון באנק אדער קרעדיט יוניאן<br>סטעיטמענט פון מעקלער/אגענט |
| ☐ פריוואטע פענסיע/עניואיטי | יעצטיגע אוואָרד בריוו<br>יעצטיגע בענעפיט טשעק<br>אפיציעלע בריוו פון מקור פון איינקונפט |
| ☐ אנדערע | |
| | |
| | |
| | |
| ☐ **מיטלען** | סטעיטמענט פון הויזגעזונד<br>סטעיטמענט פון נוירסינג האָום |
| ☐ באנק אַקאַונטס:<br>טשעקינג, סעיווינגס, ריטייערמענט (IRA און קיאָו) | יעצטיגע באנק רעקארדס<br>יעצטיגע קרעדיט יוניאן רעקארדס |
| ☐ סטאַקס, באנדס, סערטיפיקאטן | סטאַק סערטיפיקאט<br>באנדס<br>סטעיטמענט פון פינאנציעלע אינסטיטוציע |
| ☐ לייף אינשורענס | אינשורענס פאליסי<br>סטעיטמענט פון אינשורענס פירמע |
| ☐ באגרעבעניש טראָסט אדער פאָנד חלקה אדער לווייה הסכם | באנק רעקארדס<br>באגרעבעניש הסכם<br>באגרעבעניש חלקה אפמאך (דיד)<br>סטעיטמענט פון לווייה אנפירער |
| ☐ אינקאָם טעקס ריפאָנד אדער אווירנד אינקאָם טעקס קרעדיט (EITC) | טעקס ריפאָנד<br>סטעיטמענט פון טעקס אפיס |
| ☐ ריעל עסטעיט חוץ פון וואוינונג | דיד (שטר)<br>סטעיטמענט פון ריעל עסטעיט מעקלער (בראָוקער)<br>אפרעיזעל/אפשאץ פון יעצטיגע ווערט דורך מעקלער |
| ☐ קאר (וויקעל) | רעגיסטראציע (עלטערע מאדעלן)<br>טייטל פון אייגנטום<br>אפרעיזעל (אפשאץ) פון יעצטיגע ווערט דורך דילער<br>פיינענסינג דאטא |
| ☐ לאָמפ סאָם באצאלונג | סטעיטמענט פון א מקור פון באצאלונג |

| בארעכטיגונג פאקטאר | צו אויפווייזן די פאקטאר, שטעלט צו איינס פון די פאלגנדע: |
|---|---|
| ☐ אנדערע ________ | |
| | |
| | |
| | |
| | |
| ☐ **וואוינונג אויסגאבן**<br>איר מוזט אויפווייזן וויפיל עס קאסט אייך צו וואוינען וואו איר וואוינט (איר וועט מעגליך דארפן איבערגעבן באזונדערע דאקומענטן פאר **יעדע** איינצלהייט פון שעלטער אויסגאבן.) מעדיקעיד **פאדערט נישט דאקומענטן צו אויפווייזן וואוינונג אויסגאבן.** | יעצטיגע רענט רעסיט<br>יעצטיגע ליס<br>מאָרטגעדזש בוך/רעקארדס<br>פּראַפּערטי און סקול טעקס רעקארדס<br>לענדלארד סטעיטמענט<br>אפלויף (סוּווער) און וואסער בילס<br>היימאייגנטומער'ס אינשורענס רעקארדס<br>גאז בילס<br>נישט-הייצונג יוטיליטי בילס<br>טעלעפאן בילס |
| ☐ **מעדיצינישע בילס** | קאָפּיעס פון מעדיצינישע בילס (באצאלט און אומבאצאלט) |
| ☐ **העלט אינשורענס**<br>אויב איר אדער סיי ווער וואס געבט זיך איין האט העלט אינשורענס דעקונג (אפילו אויב עס ווערט באצאלט דורך איינעם אנדערש), מוזט איר דאס אויפווייזן. | אינשורענס פאליסי<br>אינשורענס קארטל<br>דערקלערונג פון דעקונג פראוויידער<br>**מעדיקעיר** קארטל |
| ☐ **אינוואליד/באגרעניצט/טראגעדיג**<br>אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך איז קראנק אדער טראגעדיג, מוזט איר ברענגען באווייזן. | סטעיטמענט פון מעדיצינישע פראפעסיאנאל באשטעטעגנדיג דאס זיין טראגעדיג און ערווארטעטע דאום פון געבורט<br>סטעיטמענט פון מעדיצינישע פראפעסיאנאל<br>באווייז פון SSA אדער SSI בענעפיטן פאר דיסאביליטי אדער בלינדקייט |
| ☐ **אומבאצאלטע בילס**<br>רענט, יוטיליטי | קאָפּיע פון יעדע ביל וואס ווייזנדיג די סכום שולדיג, צייט אפשניט פון סערוויסעס און פראָוויידער |
| **ריפערעל**<br>☐ דראָג/אלקאהאל באהאנדלונג פראגראם<br>☐ באשעפטיגונג סערוויס | סטעיטמענט פון באהאנלונג פראָוויידער<br>סטעיטמענט פון עמפּלאָימענט סערוויס |
| ☐ **אנדערע אויסגאבן/דיפענדענט קעיר קאסטן**<br>איר מוזט אויפווייזן אויב איר **באצאלט** געריכט-פאראָרדנטע סופּארט, טשיילד קעיר, איבער'חזר'נדע הלוואות אדער פאר סערוויסעס פון א היים געזונטהייט געהילף אדער באגלייטער. | געריכט באפעל (ארדער)<br>סטעיטמענט פון דעי קעיר צענטער אדער אנדערע פּראָוויידער פון טשיילד קעיר<br>סטעיטמענט פון געהילף אדער באגלייטער אפגערופענע טשעקס אדער רעסיטס |
| ☐ **שולע אנטיילנעמונג**<br>איז מוזט אויפווייזן ווער עס איז אין שולע | שולע רעקארדס (יעצטיגע ריפּאָרט קאַרד)<br>סטעיטמענט פון שולע/ אדער העכערע בילדונג מוסד |
| ☐ **אנדערע:** | |